בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת כִּי תָבֹא

תשפ"א

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי
Heichal Hakodesh Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

היכל הקודש וויליאמסבורג
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

היכל הקודש בארא פארק
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

היכל הקודש קרית יואל
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

היכל הקודש קרית יואל
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

היכל הקודש ברסלב
בלומינג גראוו
Heichal Hakodesh
Blooming Grove
24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
1-845-238-0804

היכל הקודש מאנסי
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

נדפס ע"י קרן הדפסה היכל הקודש
181 Huschke Rd. Hurleyville, NY 12747
718-387-2691

www.BreslevCenter.com
צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

קול
ברסלב
212-444-9191

חיזוק פאר די
אידישע שטוב
212-444-9169

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען בַּיי אֵיינֶעם אַ פְּרָאסְטֶע שַׁבָּת טִישׁ?.....א

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ פּוֹעֵל'ן בַּיי מַיין מַאן עֶר זָאל
מִיר נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען?...............................................ד

אוֹיבּ פָאר אִיךְ נִישְׁט קַיין אוּמַאן, בִּין אִיךְ נָאךְ
אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד?..............................................ו

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶ שִׁידוּךְ?....................ח

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

אַ קְלוּגֶע פְרוֹי קֶען אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען אִיר מַאן צוּ זֵייעֶר
שֵׁיינֶע מַדְרֵיגוֹת..................................................א

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס זָאל זַיין גְרִינְג אוּן גֶעזוּנְט..........ב

פַארְהַאן קִינְדֶער וָואס וַוייזְן נִישְׁט אַרוֹיס אִינְטֶערֶעסֶע ..............ג

אוֹיסְגֶעלָאשְׁן דִי גֶעפִיל צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען ...................ד

זַיי פֶּעלְזְן פֶעסְט קֶעגְן דֶעם יֵצֶר הָרַע..................................ה

טוּן דִי אַרְבֶּעט מִיט אַ חַיוּת, מִיט אַ לֶעבְן אוּן מִיט אַ פְּרִישְׁקֵייט ...ו

אַנְטְלוֹיפְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע חַבֶרְ'טֶעס.......................................ז

קֵיינֶער דַארְף נִישְׁט ווִיסְן אַז דוּ פָארְסְט קַיין אוּמַאן ................ז

רֶעדְן שֵׁיין מִיט הַארְץ צוּ דִי קִינְדֶער ....................................ט

וֵויי אוּן בִּיטֶער אִיז פַּאר דִי קִינְדֶער וָואס וַואקְסְן
אוֹיף מִיט מַחֲלוֹקֶת.......................................................................י׳

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן......................יב

אַייעֶר אַרְבֶּעט אִין סְקוּל אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב ..............................יב

רֶעד אַסַאךְ צוּ דִי קִינְדֶער פוּן מְוַתֵּר זַיין ................................יג

מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער,
נִישְׁט קוּקְן אוֹיפְ׳ן טֶעלֶעפָאן......................................................יד

פְרֶעג דַיינֶע עֶלְטֶערְן וואו דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען .........................טו

וֶוער עֶס הֶעלְפְט אִין אָפִּיס, הָאט אַ חֵלֶק אִינֶעם גַאנְצְן מוֹסָד ..... טו

דִי קִינְדֶער קוּמֶען אַהֵיים מִיט אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ צְנִיעוּת ............ טז

גֵייט צוּ דִי חֲתוּנָה מִיט שִׂמְחָה אוּן יִשּׁוּב הַדַעַת......................טז

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַּארְ׳ן הֶעלְפְן אַזוֹי גֶעטְרֵיי אִין אָפִּיס ......................יז

וֶוען דֶער יְסוֹד אִיז גוּט אוּן פֶעסְט, קֶען מֶען בּוֹיעֶן
דֶערוֹיף אַ שְׁטַארְקֶע בִּנְיָן.........................................................יז

סֵדֶר פוּנֶעם מַעֲמָד הַכְתָּרָה ......................................................כב

מַעֲשִׂיוֹת פוּן רֶבִּי׳ן וָואס מֶען קֶען זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען פוּן דֶעם .........כד

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## פַארְוָואס הָאב אִיךְ גֶעזֶען בַּיי אֵיינֶעם אַ פְּרָאסְטֶע שַׁבָּת טִישׁ?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה, אָבֶער אִיךְ הָאב חִיזוּק פוּן דִי שִׁיעוּרִים, אוּן אִיךְ הָאב אוֹיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקֶע הִתְפַּעֲלוּת פוּן אַייעֶרע תַּלְמִידִים.

אִיךְ הָאב אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייבְּן נֶעכְטְן אַ בְּרִיוו צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּן אִיךְ הָאב עֶס נִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט, אִינְצְווִישְׁן הָאב אִיךְ גֶעהֶערְט אַ שִׁיעוּר, אוּן עֶס אִיז מִיר גֶעוֶוען אִינְטֶערֶעסַאנְט וַוייל דִי שְׁאֵלָה אִיז מִיר דָארְט פַארְעֶנְטְפֶערְט גֶעוָוארְן, עֶס אִיז מִיר מַמָּשׁ גֶעוֶוען ווִי אַ תְּשׁוּבָה פוּן הִימְל וַוייל עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט אַרַיינְגֶעקוּמֶען דָארְט.

אִיךְ הָאב זִיךְ גֶעוָואלְט אוֹיסְרֶעדְן, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַמָאל אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב אוֹיף אַ שַׁבָּת, אִיךְ בִּין אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי אַ מִשְׁפָּחָה, אִיךְ הָאב זִיךְ אָבֶער גֶעפִילְט זֵייעֶר אוּמְבַּאקְוֶועם, דִי גַאנְצֶע הִתְנַהֲגוּת אִיז גֶעוֶוען פְּרָאסְט. אִיךְ בִּין אוֹיךְ אַ פָּשׁוּט'עֶר אִיד, אִיךְ אַרְבֶּעט, אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין צַדִּיק, אָבֶער אִיךְ הָאב קֵיינְמָאל פַארְדֶעם נִישְׁט גֶעזֶען אַז מֶען זֶעצְט זִיךְ צוּ אַ שַׁבָּת סְעוּדָה אָן אַ הוּט אוּן בֶּעקִיטְשֶׁע, מֶען זִיצְט בַּיי אַ סְעוּדָה אוּן מֶען זִינְגְט נִישְׁט קַיין זְמִירוֹת, עֶס אִיז מִיר מַמָּשׁ גֶעוֶוען אַ זַאךְ וָואס אִיךְ הָאב נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְשְׁטֵיין.

דָא זֶע אִיךְ אַז וֶוען אִיךְ בַּאגֶעגְן תַּלְמִידִים פוּן יְשִׁיבָה, רֶעדְן זֵיי אֵיידֶל, זֵיי גְרוֹסְן, זֵיי קוּמֶען זִיךְ אוֹיס אִין שְׁטוּב, אוּן אִיךְ בִּין זֵייעֶר נִתְפָּעֵל גֶעוֶוען פוּן בְּרֶסְלֶב, אוּן דָא בִּין אִיךְ אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי שְׁטוּב אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב אוּן דִי גַאנְצֶע שַׁבָּת זֶעט אוֹיס אַזוֹי פְּרָאסְט, נָאכְדֶערְצוּ וֶוען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַלֵיין רֶעדְט אַסַאךְ פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ שַׁבָּת טִישׁ, פוּן זִינְגֶען זְמִירוֹת אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס, הַצְלָחָה מִיט אַייעֶר הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל הָאבְּן גוּטֶע אוֹיגְן, קוּקְן גוּט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, זֶען דָאס גוּטְס בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן דַן זַיין יֶעדְן אֵיינֶעם לְכַף זְכוּת. עֶס אִיז נִישְׁט קַיין קוּנְץ צוּ זוּכְן חֶסְרוֹנוֹת בַּיי אַנְדֶערֶע, אַ קוּנְץ אִיז צוּ זֶען דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, קֶענֶען לַיידְן יֶעדְן אִיד אוּן יֶעדְן אֵיינֶעם לִיבּ הָאבְּן.

דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים קוּקְן אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם גוּט, זֵיי זוּכְן דָאס גוּטְס אִין יֶעדְן אֵיינֶעם, זֵיי זֶעעֶן נִישְׁט דָאס שְׁלֶעכְטְס; מִיר דַארְפְן זִיךְ אוֹיסְאַרְבֶּעטְן צוּ קֶענֶען צוּקוּמֶען צוּ דֶעם, נָאר צוּ זֶען דָאס גוּטְס. בַּיים הֵיילִיגְן קְדוּשַׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ דֶערְצֵיילְט מֶען, הָאט אַמָאל פַּאסִירְט, עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי אַ אִיד אִיז פַּארְנוּמֶען אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען מִיט זַיין וָואגְן, דֶער אִיד אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִינְדְרוֹיסְן פוּן שׁוּל מִיט טַלִית אוּן תְּפִילִין אוּן פַארְרַאכְטְן דִי וָואגְן, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק גֶעזָאגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, קוּק אָן דֶעם אִיד, עֶר אִיז אַזוֹי אַרַיינְגֶעטוּן אִין זַיין וָואגְן, דֶער וָואגְן אִיז בַּיי אִים מֶער וִוּיכְטִיג פוּן אַלְסְדִינְג, דָאךְ טוּט עֶר אָן יֶעדְן טָאג טַלִית אוּן תְּפִילִין; עֶר טוּט דַיין רָצוֹן, עֶר טוּט וָואס דִי תּוֹרָה הֵייסְט טוּן״; דִי צַדִיקִים - זֵיי זֶעעֶן אַנְדֶערְשׁ, זֵיי זֶעעֶן וִוי אִידְן זֶענֶען גוּט, וִוי אִידְן זֶענֶען וואוֹיל; זֵיי זֶעעֶן דִי טַלִית אוּן תְּפִילִין. אַ צְוֵוייטֶער זֶעט וִוי יֶענֶער דַאוֶוענְט נִישְׁט, וִוי יֶענֶער פַּאלְט, אָבֶּער צַדִיקִים זֶעעֶן דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶ'ענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס בַּיים טִישׁ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ גִיסְט אָן דֶעם בֶּעכֶער אוּן נֶעמְט דָאס אִין הַאנְט, דֶער עוֹלָם וַוארְט דֶער צַדִיק זָאל אָנְהֵייבְּן קִידוּשׁ, אָבֶּער דֶער צַדִיק שְׁטֵייט שְׁטִיל, עֶר עֶפְנְט נִישְׁט זַיין מוֹיל, דֶער עוֹלָם שְׁטֵייט אוּן וואוּנְדֶערְט זִיךְ ׳וָואס גֵייט דָא פָאר? אֶפְשָׁר קוּמְט אַ נַייעֶ גְזֵירָה?!׳ דֶער צַדִיק שְׁטֵייט מִיט פַארְמַאכְטֶע אוֹיגְן אוּן וַוארְט, עֶנְדְלִיךְ הֵייבְּט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ אָן זָאגְן מִיט פֵייעֶר דִי וֶוערְטֶער פוּן קִידוּשׁ: ״יוֹם הַשִּׁשִּׁי״ וְגוֹ׳.

די תַּלְמִידִים זֶענֶען נֵייגֶערִיג, זֵיי ווִילְן פַארְשְׁטֵיין וָואס דָא גֵייט פָּאר. שְׁפֶּעטֶער הָאט מֶען גֶעפְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס אִיז גֶעוֶוען דִי מַעֲשֶׂה, פַארְוָואס הָאט זִיךְ דֶער צַדִּיק פַארְזוּמְט? הָאט דֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ גֶעזָאגְט: "פַאר קִידּוּשׁ אִיז דָאךְ אַ צֵייט פוּן תְּשׁוּבָה, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן טְרַאכְטְן ווִי וַוייט אִיךְ בִּין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַרוּם גֶעקוּקְט אוּן גֶעזֶען פַאר מִיר צְוֵויי מֶענְטְשְׁן קוּמֶען אַרַיין צוּם טִישׁ, דִי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע לֵצִים, זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען מַאכְן לֵיצָנוּת, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר 'אִיךְ בִּין טַאקֶע עֶרְגֶער פוּן אַלֶע מֶענְטְשְׁן דָא אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, אָבֶּער דִי צְוֵויי זֶענֶען נָאךְ עֶרְגֶער פוּן מִיר, זֵיי זֶענֶען נָאךְ מֶער שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן'; אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען דִי כּוֹס אִין דִי הַאנְט אוּן נִישְׁט גֶעקֶענְט מַאכְן קִידּוּשׁ, אִיךְ הָאבּ גֶעזוּכְט צוּ טְרַאכְטְן עֶפֶּעס גוּטְס אוֹיף זֵיי, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרֶעפְן גוּטְס אִין זֵיי, אִיךְ הָאבּ גֶעוַוארְט אוּן גֶעוַוארְט, גֶעטְרַאכְט אוּן גֶעזוּכְט עֶפֶּעס גוּטְס אוֹיף זֵיי; אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט אַז אוֹיבּ אִיךְ קֶען נִישְׁט טְרֶעפְן אִין זֵיי גוּטְס קֶען אִיךְ נִישְׁט מַאכְן קִידּוּשׁ, בִּין אִיךְ פָּסוּל לְעֵדוּת, בִּיז אִיךְ הָאבּ אַרַיינְגֶעטְרַאכְט אַז זֵיי זֶענֶען נִישְׁט אַזוֹי שְׁלֶעכְט, ווִי נִישְׁט ווִי זֶענֶען זֵיי גֶעקוּמֶען צוּ אַ הֵיילִיג פְּלַאץ, זֵיי וָואלְטְן דָאךְ גֶעקֶענְט זַיין אִין אַ שְׁלֶעכְטֶע פְּלַאץ, זֵיי וָואלְטְן גֶעקֶענְט גֵיין טוּן עֲבֵירוֹת, יֶעצְט זֶענֶען זֵיי גֶעקוּמֶען אִין אַ הֵיילִיג פְּלַאץ; אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן זֶען אִין זֵיי אַזַא לִיכְטִיגְקֵייט, דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מַאכְן קִידּוּשׁ".

דָאס אִיז דִי עֲבוֹדָה בַּיי צַדִּיקִים, זֵיי זוּכְן גוּטְס אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער; אֲפִילוּ אוֹיף לֵצִים, נִידְרִיגֶע מֶענְטְשְׁן - טְרַאכְטְן זֵיי גוּטְס, כָּל שֶׁכֵּן וֶוען מֶען זֶעט אַ אִיד עֶסְן דִי שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדָה, אַ אִיד וָואס הִיט שַׁבָּת - אִיז דָאס זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, טָאר מֶען נִישְׁט זוּכְן דֶערְבֵּיי שְׁלֶעכְטְס, אוֹיבּ עֶר גֵייט יָא מִיט אַ בֶּעקִיטְשֶׁע אָדֶער עֶר גֵייט נִישְׁט מִיט אַ בֶּעקִיטְשֶׁע, אוֹיבּ עֶר זִינְגְט יָא זְמִירוֹת אָדֶער נִישְׁט.

אַז מֶען אִיז פַארְנוּמֶען צוּ זוּכְן שְׁלֶעכְטְס אִיז אַ סִימָן אַז מֶען דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן, אַזוֹי ווִי רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען אִיךְ זֶע אַ חִסָּרוֹן בַּיי אַ צְוֵוייטְן, אִיז דָאס מַיין פְּרָאבְּלֶעם; אָדֶער הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין הִתְבּוֹדְדוּת יֶענֶעם טָאג, אוּן אַז אִיךְ הָאבּ יָא גֶעמַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעמַאכְט גֶענוּג הִתְבּוֹדְדוּת, ווַייל וֶוען אִיךְ וָואלְט זִיךְ גוּט מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען וָואלְט אִיךְ גֶעזֶען נָאר גוּטְס בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם".

אִיךְ וֵייס נִישְׁט וֶוער דוּ בִּיסְט און וואו דוּ בִּיסְט אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען, אֵיין זַאךְ קֶען אִיךְ דִּיר זָאגְן, אַז דוּ וֶועסְט אָנְהֵייבְּן נוּצְן דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת וֶועסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט זֶען קַיין שְׁלֶעכְטְס, דוּ וֶועסְט זֶען וִוי טַייעֶר אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ פּוֹעֶל'ן בַּיי מַיין מַאן עֶר זָאל מִיר נִישְׁט פַּארְשֶׁעמֶען?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ אוֹיף דִי שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים פַאר פְרוֹיעֶן, עֶס אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר מְחַזֵק.

אַזוֹי וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה רֶעדְט אַסַאךְ פוּן טֶערֶעפִּי, וִוי נִישְׁט גוּט דָאס אִיז, און אִיךְ מוּז מוֹדֶה אַז דָאס אִיז טַאקֶע נִישְׁט גוּט, נָאכְדֶעם וָואס מִיר זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ שֵׁיינֶע פָּאר טֶערֶעפִּיסְטְן אִין דִי לֶעצְטֶע פָּאר יָאר זַייט אוּנְזֶער חֲתוּנָה, אָבֶּער דֶערְוַוייל אִיז אוּנְזֶער שְׁלוֹם בַּיִת גָארְנִישְׁט בֶּעסֶער גֶעוָוארְן מִיט קַיין שׁוּם זַאךְ.

מַיין מַאן הָאט נִישְׁט צוּפִיל גֶעדוּלְד צוּ מִיר, און עֶס גֵייט אַזוֹי וַוייט אַז עֶר קֶען מִיר צֶעקְלַאפְּן און פַּארְשֶׁעמֶען אִין פָּארְנְט פוּן זַיין מִשְׁפָּחָה. אִיךְ בֶּעט זִיךְ שׁוֹין אַזוֹיפִיל מָאל בַּיי אִים עֶר זָאל אוֹיפְהֶערְן דָאס צוּ טוּן, און עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט, בִּיז אִיךְ הָאב שׁוֹין אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ זָאגְן, נָאר וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין גֶעגַאנְגֶען מַמָשׁ פַייעֶר אִין שְׁטוּב.

הַיינְט קֶען אִיךְ אִים עֶס שׁוֹין גְלַייךְ זָאגְן, אָבֶּער עֶר פַּארְשֶׁעמְט מִיר כְּסֵדֶר אָן אוֹיפְהֶער, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער צוּ גֵיין צוּ זַיין טַאטֶע אוֹיף שַׁבָּתִים, און וֶוען אִיךְ זָאג אִים דָאס וֶוערְט עֶר נָאךְ מֶער נֶערְוֶועז.

אִיךְ הָאב נָאךְ אַסַאךְ וָואס צוּ רֶעדְן, וַוייל בֶּאֱמֶת וִויל אִיךְ אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּב, וַוייל אִיךְ הָאב זֵייעֶר לִיב מַיין מַאן, אָבֶּער אִיךְ שְׁפִּיר אַ גַאנְצֶע צַייט אַז עֶס הַאקְט זִיךְ אַרַיין אִין אַ וַואנְט.

אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אוֹיב דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועט מִיר קֶענֶען עֶנְטְפֶערְן און אַרוֹיסְהֶעלְפְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ז׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דִי שְׁלִיסְל פַּאר שָׁלוֹם בַּיִת אִיז צוּ זַיין אָפְן אֵיינֶער מִיט׳ן צְוֵוייטְן; וִוי מֶער מֶען עֶפְנְט זִיךְ אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן - וֶוערְט מֶען נֶענְטֶער, אוּן דִי לִיבְּשַׁאפְט וֶוערְט שְׁטֶערְקֶער.

אַז אַייעֶר מַאן טוּט אַייךְ וֵויי, עֶר אִיז אַייךְ מְצַעֵר - זָאלְט אִיר אִים זָאגְן וִוי שְׁטַארְק עֶס בַּאדֶערְט אַייךְ אַז עֶר רֶעדְט צוּ אַייךְ מִיט גֶעשְׁפֶּעט, אִיר זָאלְט אִים זָאגְן: ״אִיךְ וֶוער זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן פוּן דִי וֶועג וִוי אַזוֹי דוּ רֶעדְסְט צוּ מִיר״; זָאגְט אִים וִוי שְׁטַארְק אִיר הָאט אִים לִיבּ אוּן וִוי שְׁטַארְק אִיר וִוילְט זַיין מִיט אִים, וֶועט עֶר זִיכֶער אָנְהֵייבְּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן וִוי אַזוֹי עֶר רֶעדְט צוּ אַייךְ.

זָאגְט אִים וִוי שְׁטַארְק אִיר שֶׁעצְט זַיין כִּיבּוּד אָב וָאֵם, וִוי שְׁטַארְק אִיר וִוילְט גֵיין מִיט אִים צוּ זַיינֶע עֶלְטֶערְן אוֹיף שַׁבָּת; אָבֶּער דִי וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר רֶעדְט טוּט וֵויי אוּן דָאס שְׁטֶערְט אַייךְ.

אַרְבֶּעטְס אוֹיף זִיךְ אַלֵיין אִיר זָאלְט זַיין פְרֵיילִיךְ, פְּרוּבִּירְט מִיט אַלֶע אַייעֶרֶע כֹּחוֹת אִים שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְצוּנֶעמֶען מִיט אַ שְׁמֵייכְל, וֶועט זַיין: ״כַּמַּיִם הַפָּנִים לַפָּנִים, כֵּן לֵב הָאָדָם לָאָדָם (מִשְׁלֵי כז, יט)״, אַזוֹי וִוי וֶוען מֶען קוּקְט אִין וַואסֶער שְׁפִּיגְלְט מֶען זִיךְ דֶערִין - וֶוען מֶען שְׁמֵייכְלְט זֶעט מֶען אַ שְׁמֵייכְל אוּן וֶוען מֶען אִיז זוֹיעֶר זֶעט מֶען אַ זוֹיעֶרֶע בִּילְד, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז דֶער לֶעבְּן; אוֹיבּ מֶען שְׁמֵייכְלְט צוּ אַ שְׁפִּיגְל זֶעט מֶען וִוי אֵיינֶער שְׁמֵייכְלְט צוּרִיק, אוּן אוֹיבּ מֶען וַוייזְט אַ זוֹיעֶרֶע פָּנִים צוּם שְׁפִּיגְל זֶעט מֶען צוּרִיק אַ זוֹיעֶרֶע פָּנִים, אַז אִיר וֶועט רֶעדְן שֵׁיינֶערְהֵייט צוּ אִים וֶועט עֶר רֶעדְן צוּ אַייךְ שֵׁיינֶערְהֵייט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אויב פָאר אִיךְ נִישְׁט קַיין אוּמַאן, בִּין אִיךְ נָאךְ אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אויב דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועט מִיר בִּכְלָל פַארְשְׁטֵיין, אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן.

אִיךְ לֶעב אוֹיף דִי חִיזוּק פוּן רֶבִּי'ן, אוּן יֶעצְט קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט פָארְן קַיין אוּמַאן. וַויל אִיךְ וִויסְן אויב אִיךְ וֶוער נָאךְ אַלְץ גֶערֶעכְנְט וִוי אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד? קֶען אִיךְ נָאכְאַלְץ הָאבְּן אַ שַׁיְיכוּת מִיט'ן רֶבִּי'ן? אָדֶער נָאר אויב אִיךְ פָאר קַיין אוּמַאן קֶען אִיךְ הָאבְּן אַ שַׁייכוּת מִיט בְּרֶסְלֶב?

אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעמִישְׁט, אִיךְ הָאף אוּן אִיךְ וַוארְט אוֹיף אַ תְּשׁוּבָה.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ז' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז דֶער עִיקָר הִתְקַשְּׁרוּת צוּם רֶבִּי'ן אִיז נָאר אַז מֶען לֶערְנְט דַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קצב): "פָּנָיו שִׂכְלוֹ וְנִשְׁמָתוֹ נִמְצָאִים בְּתוֹךְ סִפְרוֹ", וֶוען מֶען לֶערְנְט דֶעם סֵפֶר פוּן אַ צַדִיק טְרֶעפְט מֶען דָארְט דֶעם פָּנִים, דִי שֵׂכֶל אוּן פַארְשְׁטַאנְד פוּנֶעם צַדִיק; נָאר אַזוֹי אִיז מֶען מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַז מֶען לֶערְנְט דַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן ס) וִוי אַזוֹי קֶען מֶען וִויסְן אויב מֶען הֶערְט דֶעם קוֹל פוּן צַדִיק? אויב מֶען הֵייבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וִוי נָאר מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ הֶערְן דֶעם קוֹל פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן עֶפְנְט זִיךְ אוֹיף דָאס מוֹיל, מֶען הֵייבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס אִיז דִי מַתָּנָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן, הִתְבּוֹדְדוּת; אַ מֶענְטְשׁ זָאל גֵיין אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן זַיין הַארְץ מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים דֶערְצֵיילְן וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוּן אִים בֶּעטְן מִיט אַלֶע סָארְט שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער, רַחֲמָנוּת'דִיגֶע וֶוערְטֶער עֶר זָאל אִים מְקָרֵב זַיין צוּ אִים.

דָאס אִיז דֶער שְׁלִיסְל אַרַיינְצוּקוּמֶען צוּ וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד.

דָאס זָאלְסְטוּ גוּט גֶעדֶענְקֶען, ווִי מֶער מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווִי מֶער אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלְץ מֶער אִיז עֶר מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן; דָאס אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הֶערְט דִי קוֹל פוּן רֶבִּי'ן, דָאס אִיז אַ סִימָן אַז דֶער רֶבִּי וֶועקְט אִים אוֹיף פוּן שְׁלָאף.

אַוַדַּאי אוּן אַוַדַּאי דַארְף מֶען טוּן אַלֶעס אִין דֶער וֶועלְט צוּ קוּמֶען כָּאטְשִׁיג אֵיין מָאל אִין לֶעבְּן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן, ווַייל דֶער רֶבִּי הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען מִיט צְוֵויי בַּאגְלֵייבְּטֶע עֵדוּת אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיוּן אִין אוּמַאן, עֶר וֶועט גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה אוּן זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, "אֲפִילּוּ אִם עָצְמוּ וְגָבְהוּ חֲטָאָיו וּפְשָׁעָיו", אֲפִילּוּ עֶר הָאט גֶעטוּן זֵייעֶר אַסַאךְ עֲבֵירוֹת - וֶועט עֶר אִים אַרוֹיסְצִיעֶן פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו; פַאר דִי הַבְטָחָה אַלֵיינְס אִיז שׁוֹין כְּדַאי אוֹיסְצוּגֶעבְּן דִי גַאנְצֶע גֶעלְט אוּן צֶעבְּרֶעכְן אַלֶע מְנִיעוֹת צוּ קֶענֶען זַיין אֵיין מָאל אִין לֶעבְּן בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיוּן אוּן זָאגְן דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי, קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע צַדִּיק הָאט דָאס נִישְׁט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען.

מִכָּל שֶׁכֵּן וֶוען עֶס קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערְס פוּן דֶעם; ווַייל אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט דֶער רֶבִּי אוּנְז זֵייעֶר אָנְגֶעוָוארְנְט, עֶר הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תג): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל, וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְּקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְּקֹרָבִים אֵלַי, שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִישׁ לֹא יֶעְדַּר; כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה", מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן עֶס אִיז מִיר אַ וואוּנְדֶער פַארְוָואס מַיינֶע מֶענְטְשְׁן וָואס גְלֵייבְּן אִין מִיר, זָאלְן נִישְׁט רֶעדְן צוּ אַלֶעמֶען אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "וְהִזְהִיר לַעֲשׂוֹת כְּרוּז, שֶׁכָּל מִי שֶׁסָּר אֶל מִשְׁמַעְתּוֹ וּמְקֹרָב אֵלָיו יִהְיֶה עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֶצְלוֹ, לֹא יֶחְסַר אִישׁ, וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל מַאכְן אַ כְּרוּז אַז אַלֶע זָאלְן קוּמֶען צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, אַז וֶוער עֶס קוּמְט צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זַיין פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ יָאר.

אָבֶּער דֶער עִיקָר הִתְקַרְבוּת אִיז נָאר תָּלוּי וֶוער עֶס לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי הָאט קְלָאר גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנח): "מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק קֶען מֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן נִישְׁט סְתָם אַן עֶרְלִיכֶער אִיד נָאר אַן עֶרְלִיכֶע אִיד אַזוֹי וִוי אִיךְ מַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", אוּן רֶבִּי נָתָן זָאגְט

(שָׁם): "וְגַם אֲפִלּוּ עַכְשָׁו כְּשֶׁלּוֹמְדִין דְּבָרָיו הַקְּדוֹשִׁים יֵשׁ לָהֶם גַּם כֵּן כֹּחַ גָּדוֹל לְעוֹרֵר לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לִזְכּוֹת לְדַרְכֵי ה׳ בֶּאֱמֶת, לְמִי שֶׁיָּשִׂים לִבּוֹ הֵיטֵב לִדְבָרָיו וּלְשִׂיחוֹתָיו הַקְּדוֹשִׁים הַנֶּאֱמָרִים בְּזֶה הַסֵּפֶר, וּבִשְׁאָר סְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים", דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים פַארְמָאגְן אַ מוֹרָא׳דִיגְן כֹּחַ צוּ מְעוֹרֵר זַיין אַ מֶענְטְשׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִין יֶעדֶע שְׁמוּעֶס פוּן רֶבִּי׳ן לִיגְן גֶעוַואלְדִיגֶע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר׳ן לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶ שִׁידוּךְ?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

ווִיפִיל מָאל אִיךְ וֶועל זָאגְן שְׁ'כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט עֶס נִישְׁט זַיין גֶענוּג צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי מוֹרָא'דִיגֶע זְכִיָ' אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר אוֹיסְדֶערְוֶועלְט פוּן צְווִישְׁן טוֹיזְנְטֶער מֵיידְלֶעךְ, צוּ טְרֶעפְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, מוֹהֲרָא"שׁ, אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אוּן מִיר גֶעבְּן אַזַא זִיסֶע שֵׁיינֶע לֶעבְּן.

אִיךְ וואוֹין נִישְׁט אִין אַמֶערִיקֶע, אָבֶּער אִיךְ בִּין אַ בֵּית פֵּיגָא תַּלְמִידָה, אִיךְ הֶער אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן אִיךְ פְּרוּבִּיר זֵיי מְקַיֵּים צוּ זַיין. אִיךְ זָאג אַסַאךְ תְּהִלִּים, אִיךְ רֶעד יֶעדְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ בִּין מְכַבֵּד מַיינֶע עֶלְטֶערְן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער פְּרוּבִּיר אִיךְ צוּ גֵיין אוֹיף דִי וֶועגְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל אוֹיךְ קֶענֶען מַאכְן הֶפָּצָה, אָבֶּער דֶערְוַוייל קֶען אִיךְ זַיין אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר נָאר בְּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט, וַויי אִיז מִיר אוֹיבּ וֶועל אִיךְ זִיךְ דֶערְוַואגְן צוּ רֶעדְן צוּפִיל צוּ מַיינֶע חַבֶר'טֶעס פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ מַאךְ אַן אַנְדֶערֶע סָארְט הֶפָּצָה, מַיין מִשְׁפָּחָה זֶעט דִי גֶעוַואלְדִיגֶע גוּטֶע טוֹיש וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט מִיר, אוּן וֶוען מֶען פְרֶעגְט מִיר דֶערְוֶועגְן, זֵיי זָאגְן אַז זֵיי ווִילְן אוֹיךְ זַיין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ ווִי מִיר - זָאג אִיךְ זֵיי וֶועגְן דִי דְרָשׁוֹת, אוּן טֵייל פוּן זֵיי הָאבְּן שׁוֹין אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים אוּן דְרָשׁוֹת.

יֶעצְט צוּ מַיין שְׁאֵלָה, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַסַאךְ מָאל אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט

עַקְשְׁנ'עֶן דַוְקָא אוֹיף אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶ שִׁידוּךְ, דֶער עִיקָר זָאל מֶען קוּקְן נָאר אוֹיף יִרְאַת שָׁמַיִם, מִדּוֹת טוֹבוֹת, גֶעזוּנְט אוּן אוֹיךְ אַז מֶען דַארְף נִישְׁט זָאגְן פַאר'ן שַׁדְכָן אוּן פַאר מֶענְטְשְׁן אַז מֶען שֶׁעפְּט חִיזּוּק פוּן בְּרֶסְלֶב. מַיין שְׁאֵלָה אִיז אָבֶער אוֹיב דָאס גֵייט אוֹיךְ אַרוֹיף אוֹיף מִיר, וָואס אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיפְבּוֹיעֶן אַן עֶרְלִיכֶע בְּרֶסְלֶבְ'עֶ שְׁטוּב, אוּן פַארְוָואס זָאל סְתָם אַ בָּחוּר וֶועלְן אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶ פְּרוֹי?

אִיךְ וִויל נִישְׁט דַוְקָא אַ בָּחוּר פוּן יְשִׁיבָה, אָבֶער אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק אַ בָּחוּר וָואס הֶערְט אוֹיךְ דִי שִׁיעוּרִים אוּן לֶעבְּט מִיט דֶעם, אָבֶער דֶערְוַוייל ווִילְן מַיינֶע עֶלְטֶערְן נָאר אַ קְנַאק פוּן אַ בָּחוּר פוּן אַ מְצוּיָן'דִיגֶע יְשִׁיבָה. אִיךְ גְלֵייבּ בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז אַ שִׁידוּךְ קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִיךְ בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ זָאל שׁוֹין זֵייעֶר שְׁנֶעל אוּן גְרִינְג טְרֶעפְן מַיין שִׁידוּךְ; אַ וואוֹילֶער בָּחוּר וָואס וֶועט רֶעדְן שַׁיין צוּ מִיר אוּן אִיךְ וֶועל רֶעדְן שַׁיין צוּ אִים, מִיר זָאלְן צוּזַאמֶען אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּב וואוּ דִי שְׁכִינָה וֶועט רוּעֶן.

מַיינֶע עֶלְטֶערְן פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט פַארְוָואס אִיךְ וִויל אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר בָּחוּר, מַיין טַאטֶע מֵיינְט אַז אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט דִי חֲשִׁיבוּת פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן דֶערִיבֶּער וִויל אִיךְ אַ בָּחוּר וָואס זָאגְט תּוֹרָה. אִיךְ עֶנְטְפֶער אִים חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט צוּרִיק, אָבֶער אִיךְ הָאבּ אִים אֵיין טָאג עֶרְקְלֶערְט שֵׁיינֶערְהֵייט אַז לְמַעֲשֶׂה זֶעט מֶען אַז זֵייעֶר אַסַאךְ וואוֹילֶע בָּחוּרִים הֶערְן אוֹיף לֶערְנֶען נָאךְ דִי חֲתוּנָה וַויל זֵיי הָאבְן נָאר גֶעלֶערְנְט צוּ גֶעפֶעלְן זֵייעֶר רָאשֵׁי יְשִׁיבוֹת, אוּן אִין יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה לֶערְנְט מֶען אוֹיס אַז מֶען לֶערְנְט אוּן דַאוֶונְט נָאר פַאר'ן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער אוּן נִישְׁט פַאר'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אִיךְ הָאבּ אִים אוֹיךְ אָנְגֶעצֵייגְט אוֹיף עֶטְלִיכֶע פוּן אוּנְזֶער מִשְׁפָּחָה אַז דִי בָּחוּרִים פוּן דִי יְשִׁיבוֹת לְמְצוּיָנִים הָאבְּן נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וָואס אַ וַוייבּ אִיז, אוּן דִי בָּחוּרִים אִין דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶר יְשִׁיבָה זֶענֶען גוּט אָנְגֶעגְרֵייט וָואס דִי לֶעבְּן אִיז. עֶר הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז אִיךְ בִּין גֶערֶעכְט, אָבֶער עֶס אִיז גָארְנִישְׁט, וַוייל מִיט דִי צַייט לֶערְנְט מֶען זִיךְ אוֹיס.

אִיךְ וֵויס נִישְׁט וָואס צוּ זָאגְן, אִיךְ הָאבּ אֵיינֶע פוּן מַיין מִשְׁפָּחָה, אַ טֵייעֶרֶע פְּרוֹי, וָואס הָאט לֶעצְטְנְס חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ שְׁפִּיץ בָּחוּר, אָבֶער אִיךְ הַאלְט עֶס נִישְׁט אוֹיס צוּצוּקוּקְן ווִי בֵּיידֶע לַיידְן, נִישְׁט וִויסְנְדִיג וָואס פַאר אַ חַיִּים טוֹבִים זֵיי וָואלְטְן גֶעקֶענְט הָאבְּן מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, אִיר הָאט מֶען נִישְׁט גֶעלֶערְנְט אַז אוֹיבּ עֶפֶּעס שְׁטֶערְט פוּנֶעם מַאן רֶעדְט מֶען עֶס שֵׁיין דוּרְךְ, אוּן אִים הָאט מֶען נִישְׁט גֶעלֶערְנְט אַז אַ וַוייבּ אִיז מֶער עֶמְפִּינְדְלִיךְ פוּן אַ מַאן, אוּן מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן דִי בָּחוּרִים שְׁפְּרַאךְ וַוייל עֶס קֶען אִיר דֶערְשְׁרֶעקְן. מַיין מַאמֶע וָואלְט זִיךְ גֶעווּאוּנְטְשְׁן פַאר מִיר אַזַא סָארְט חָתָן, וַוייל עֶר אִיז תְּמִימוּת'דִיג אוּן עֶרְלִיךְ, אָבֶער אִיךְ וִויל אַן אַנְדֶערֶע סָארְט לֶעבְּן.

וָואס הַאלְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה? זָאל אִיךְ נָאר בֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטֶער [וָואס עֶר אִיז דֶער דְרִיטֶער שׁוּתָּף מִיט מַיינֶע עֶלְטֶערְן, אוּן אִים קֶען אִיךְ אַלֶעס זָאגְן אֶן דֶעם וָואס עֶר זָאל זָאגְן אַז אִיךְ בִּין פַארְנַארְט גֶעוָוארְן] אוּן אִיךְ זָאל עֶס מֶער נִישְׁט דוּרְכְרֶעדְן מִיט מַיינֶע עֶלְטֶערְן?

אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ נָאכְאַמָאל פַאר דִי לֶעבְן וָואס אִיר גֶעבְּט מִיר, זָאל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַייךְ גֶעבְּן כֹּחַ וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין מִיט דִי מְלֶאכֶת הַקּוֹדֶשׁ, אוּן אִיר זָאלְט זֶען אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת פוּן אַלֶע אַייעֶרֶע קִינְדֶער.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ז' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**... תְּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז שִׁידוּכִים אִיז אַ זַאךְ וָואס הָאט צוּטוּן מִיט דֶעם, מִיט יֶענֶעם אָדֶער מִיט זִיךְ אַלֵיינְס; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סח, ג): "מָצִינוּ בַּתּוֹרָה בַּנְּבִיאִים וּבַכְּתוּבִים שֶׁאֵין זִוּוּגוֹ שֶׁל אִישׁ אֶלָּא מִן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", מִיר גֶעפִינֶען אִין דִי תּוֹרָה, אִין נְבִיאִים אוּן אִין כְּתוּבִים אַז אַ שִׁידוּךְ הָאט נָאר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִין דִי תּוֹרָה שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית כד, נ) לָבָן אוּן בְּתוּאֵל הָאבְּן גֶעזָאגְט פַאר אֱלִיעֶזֶר עֶבֶד אַבְרָהָם: "מִיר קֶענֶען נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן רִבְקָה פוּן חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט יִצְחָק, וַוייל 'מֵה' יָצָא הַדָּבָר' דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל דִי שִׁידוּךְ זָאל גֶעשֶׁען; אִין נְבִיאִים שְׁטֵייט (שׁוֹפְטִים יד, ד): "וְאָבִיו וְאִמּוֹ לֹא יָדְעוּ, כִּי מֵה' הִיא", דִי עֶלְטֶערְן פוּן שִׁמְשׁוֹן הַגִּבּוֹר הָאבְּן נִישְׁט גֶעווּסְט אַז זַיין שִׁידוּךְ וָואס עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס; אוּן אִין כְּתוּבִים זָאגְט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ (מִשְׁלֵי יט, יד): "בַּיִת וָהוֹן נַחֲלַת אָבוֹת", אַ הוֹיז אוּן אַ פַארְמֶעגְן קֶען מֶען בַּאקוּמֶען בִּירוּשָּׁה פוּן דִי עֶלְטֶערְן, "וּמֵה' אִשָּׁה מַשְׂכָּלֶת", אָבֶּער אַ שִׁידוּךְ בַּאקוּמְט מֶען נִישְׁט בִּירוּשָּׁה פוּן עֶלְטֶערְן, דָאס קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַן עֶרְלִיכֶער וואוּילֶער מַאן; נָאר מִיט תְּפִלָּה בַּאקוּמְט מֶען אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת אוֹת רַחְמָנוּת, סִימָן יא): "עַל יְדֵי בַּקָּשַׁת רַחֲמִים, זוֹכֶה לַעֲשׂוֹת שִׁידוּכִים טוֹבִים וְהַגוּנִים", דוּרְךְ תְּפִלָּה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ טוּן גוּטֶע שִׁידוּכִים; תְּפִלָּה אִיז דִי עֵצָה פַאר אַ בָּחוּר אוּן מֵיידְל וָואס וַוארְטְן אוֹיף זֵייעֶר שִׁידוּךְ, נָאר תְּפִלָּה אִיז דִי עֵצָה.

גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ; אַז

אַייעֶר שְׁפְּרַאךְ אִיז אִידִישׁ - רֶעדְט אִין אִידִישׁ, אַז אַייעֶר שְׁפְּרַאךְ אִיז עֶנְגְלִישׁ אָדֶער אַן אַנְדֶערֶע שְׁפְּרַאךְ - רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אַייעֶר שְׁפְּרַאךְ, בֶּעטְס אִים: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל טְרֶעפְן מַיין רִיכְטִיגֶע שִׁידוּךְ שְׁנֶעל אוּן גְרִינְג; גֶעבּ מִיר אַ וואוֹילֶער מַאן, אַן עֶרְלִיכֶער מַאן, אַ מַאן מִיט גוּטֶע מִדוֹת, אַ מַאן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר מִיט אַ שִׁידוּךְ, מִיר זָאלְן זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט וֵויי טוּן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, עֶס זָאל זַיין צְוִוישְׁן אוּנְז אַהֲבָה וְאַחְוָה וְשָׁלוֹם וְרֵעוּת".

דִי וֶוערְטֶער זָאלְט אִיר בֶּעטְן אָן אוֹיפְהֶער, וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## אַ קְלוּגֶע פְּרוֹי קֶען אַרוֹיפְבְּרֶענְגֶען אִיר מַאן צוּ זֵייעֶר שֵׁיינֶע מַדְרֵיגוֹת

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם א׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, כ״ג מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט אַייךְ, אִיר הָאט אַזוֹיפִיל גוּטְס; אִיר הָאט אַ טֵייעֶרער מַאן מִיט לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה אִיז גֶעזוּנְט, אַלֶע זֶענֶען וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ.

וֶוען מֶען לֶעבְּט מִיט דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דֶער לֶעבְּן אַ ׳גַן עֵדֶן׳ לֶעבְּן, דָאס לֶעבְּן וֶוערְט יֶעדֶע מִינוּט בֶּעסֶער אוּן זִיסֶער; דָאס מַאכְט מֶען זָאל וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן אַ זִיסְקֵייט וָואס מֶען הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט פַארְדֶעם.

בְּנוֹגֵעַ אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר; עֶר אִיז אַ טֵייעֶרער אִינְגֶערְמַאן, עֶר וִויל זַיין גוּט, עֶר זוּכְט עֵצוֹת צוּ וֶוערְן בֶּעסֶער, עֶר פְרֶעגְט מִיר כְּסֵדֶר וִוי אַזוֹי עֶר קֶען הָאבְּן דָאס בֶּעסְטֶע שָׁלוֹם בַּיִת, עֶר וִויל זַיין אַ גוּטֶער מַאן. אִיר קֶענְט אִים בְּרֶענְגֶען נֶענְטֶער אַז אִיר וֶועט אִים אַנְטְקֶעגְן קוּמֶען; אִיר וֶועט אִים נָאר אוֹיפְהֵייבְּן, אוֹיסְרוּמֶען, גֶעבְּן אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער; דוּרְכְדֶעם וֶועט עֶר וֶוערְן אַ נֵייעֶר מֶענְטְשׁ, עֶר וֶועט נָאר זַיין אִין שְׁטוּבּ, עֶר וֶועט אַייךְ נִישְׁט אָפְּלָאזְן.

בְּנוֹגֵעַ בְּרֶסְלֶב וְכוּ׳; נֶעמְט נִישְׁט קַיין נֵייעֶ חַבֶרְ׳טֶעס, בְּלַייבְּט מִיט אַייעֶרֶע חַבֶרְ׳טֶעס, בְּלַייבְּט אוֹיף אַייעֶר וֶועג. בְּרֶסְלֶב אִיז נִישְׁט אַ פְּלַאץ, אַ סְבִיבָה; בְּרֶסְלֶב אִיז אַ שֵׂכֶל, בְּרֶסְלֶב אִיז הִתְחַזְקוּת; מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט טוֹישְׁן צוּ זַיין בְּרֶסְלֶב. אַז

אַייעֶר מַאן הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶעבְּן זַייט עֶר הָאט זִיךְ דֶערְוְוּיסְט פוּן רֶבִּי'ן, דַארְף מֶען נִישְׁט אָפְּהַאקְן מִיט דִי מִשְׁפָּחָה, מִיט דִי חַבְרֶ'טֶעס.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט אִים מְחַזֵק זַיין, עֶר זָאל שְׁפִּירְן וְוִי אִיר שֶׁעצְט אִים, עֶר זָאל שְׁפִּירְן אַז אִיר קוּקְט אַרוֹיף אוֹיף אִים; וַוייל וְויאַזוֹי אִיר וֶועט קוּקְן אוֹיף אִים - אַזוֹי וֶועט עֶר זַיין. אַ קְלוּגֶע פְרוֹי קֶען אַרוֹיפְבְּרֶענְגֶען אִיר מַאן צוּ זֵייעֶר שֵׁיינֶע מַדְרֵיגוֹת, וַוייל וֶוען דֶער מַאן שְׁפִּירְט חָשׁוּב, עֶר שְׁפִּירְט 'מַיין וַוייבּ הַאלְט פוּן מִיר, מַיין וַוייבּ קוּקְט אַרוֹיף אוֹיף מִיר' - טְרָאגְט דָאס אִים אוֹיף גוּטֶע פְלֶעצֶער.

שְׁטַארְקְט אַייךְ, גֵייט אָן מִיט אַייעֶר שְׁטוּב אַרְבֶּעט; מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן, פְּרוּבִּירְט מִיט אַלֶע אַייעֶרֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי גַאנְצֶע שְׁטוּב.

וְהָעִקָר בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעס וָואס אִיר דַארְפְט; שְׁמוּעֶסְט מִיט אִים, דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעס וָואס לִיגְט אַייךְ אוֹיפְ'ן הַארְץ, דָאס אִיז דִי עֵצָה פַאר אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, דֶער רֶבִּי רוּפְט דָאס "הִתְבּוֹדְדוּת"; דָאס הֵיילְט אַלֶעס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן כֹּחַ צוּ זַיין אַ גֶעטְרֵייעֶ וַוייבּ אוּן מַאמֶע.

...

**בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס זָאל זַיין גְרִינְג אוּן גֶעזוּנְט**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ג מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז זִיכֶער כְּדַאי אַייעֶר מַאן זָאל שׁוֹין מַאכְן אַ טִיקֶעט, דִי יָאר קֶען מֶען פָארְן מוֹצָאֵי שַׁבָּת, דֶעמָאלְט וֶועט אִיר שׁוֹין הַאלְטְן נָאכְן הָאבְּן.

אִיךְ מוּז אַייךְ זָאגְן, עֶס אִיז זֵייעֶר שֵׁיין צוּ הֶערְן כְּסֵדֶר פוּן אַייעֶר מַאן זַיינֶע סִיוּמִים, וֶוען אִיךְ רֶעד מִיט אִים - הָאט עֶר שְׁטֶענְדִיג אַ סִיוּם.

בְּנוֹגֵעַ אוֹיף וָואס צוּ בֶּעטְן וְכוּ'; בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי תְּפִלָּה:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ גֶעזוּנְט קִינְד; אַלֶעס זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין גְרִינְג, אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט, אִיךְ זָאל זַיין אַ גֶעזוּנְטֶע מַאמֶע פַאר מַיינֶע קִינְדֶער.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, גֶעבּ מִיר קִינְדֶער צַדִּיקִים; קִינְדֶער וָואס וֶועלְן טוּן דַיין ווילְן, קִינְדֶער וָואס וֶועלְן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דִיר; בִּזְכוּת אַבְרָהָם אָבִינוּ, יִצְחָק אָבִינוּ, יַעֲקֹב אָבִינוּ, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, יוֹסֵף הַצַּדִּיק, דָוִד הַמֶּלֶךְ, בִּזְכוּת דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא אֱלוֹקִי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אוּן זַיינֶע הֵיילִיגֶע תַּלְמִידִים, בִּזְכוּת דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי יִצְחָק לוּרְיָא אַשְׁכְּנַזִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, בִּזְכוּת רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן בִּזְכוּת רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ, ה׳ צוּרִי וְגוֹאֲלִי".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַארְהַאן קִינְדֶער וָואס וַוייזְן נִישְׁט אַרוֹיס אִינְטֶערֶעסֶע

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ג׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאף אַז אִיר הָאט מִיטְגֶעהַאלְטְן אוֹיפְ׳ן טֶעלֶעפָאן דִי נֶעכְטִיגֶע אֲסִיפָה, מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט זֵייעֶר וִויכְטִיגֶע זַאכְן וָואס אִיז נוֹגֵעַ פַאר אוּנְזֶער סְקוּל "בֵּית פֵיגָא".

אֵיינֶע פוּן דִי וִויכְטִיגֶע נְקוּדוֹת וָואס מֶען הָאט גֶערֶעדְט, אַז עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס וַוייזְן אַרוֹיס אִינְטֶערֶעסֶע בַּיים לֶערְנֶען; וֶוען מֶען גֶעבְּט אַ שִׁיעוּר, אַ שְׁמוּעֶס - זֶעט מֶען וִוי זֵיי טְרִינְקֶען מִיט דוּרְשְׁט יֶעדֶעס וָוארְט, נָאכְדֶעם זֶענֶען פַארְהַאן קִינְדֶער וָואס זֵיי וַוייזְן נִישְׁט אַרוֹיס אִינְטֶערֶעסֶע, פַארְקֶערְט, זֵיי וַוייזְן כְּאִילוּ זֵיי אִינְטֶערֶעסִירְט דָאס נִישְׁט, זֵיי לַאכְן זִיךְ אוּנְטֶער וְכוּ׳.

גֶעוֶוענְלִיךְ וָואס פַּאסִירְט? דִי טִיטְשֶׁערְס מֵיינֶען אַז דִי קִינְדֶער הָאבְּן נִישְׁט קַיין הַארְץ, בְּלוּט אוּן נְשָׁמָה, דִי טִיטְשֶׁערְס רֶעכֶענֶען זִיךְ נִישְׁט מִיט זֵייעֶרֶע גֶעפִילְן, אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, נָאר יֶעדֶע אֵיינְצִיגְסְטֶע קִינְד, זָאל זַיין וֶוער עֶס זָאל זַיין - הֶערְט אוֹיס יֶעדֶעס וָוארְט אוּן נֶעמְט אָן יֶעדֶע זַאךְ, עֶס נֶעמְט נָאר צַייט בִּיז מֶען זֶעט דִי פֵּירוֹת.

דֶערִיבֶּער פַארְלַאנְג אִיךְ פוּן אַלֶע טִיטְשֶׁערְס זֵיי זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף יֶעדֶעס קִינְד אוּן נָאךְ מֶער לִיבּ הָאבְּן דִי קִינְדֶער וָואס עֶס זֶעט זִיךְ נִישְׁט אָן וִוי זֵיי

דַארְפְן דִי טִיטְשֶׁער וְכוּ׳, וַוייל יֶעדֶעס קִינְד הָאט אַ הַארְץ, בְּלוּט אוּן אַ לוֹיטֶערֶע נְשָׁמָה.

דָאס פַארְלַאנְג אִיךְ פוּן אַלֶע טִיטְשֶׁערְס אִין בֵּית פֵּיגָא אָן אוֹיסְנַאם, זֵיי זָאלְן אוֹיסְפִּיצְן אוּן אוֹיסְשְׁלֵייפְן אוּנְזֶערֶע דֵיימַאנְטְן, עֶס זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת פוּן זֵיי.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## אוֹיסְגֶעלָאשְׁן דִי גֶעפִיל צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים, ג׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה**

דָאס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט פַארְוָואס פַּאסִירְט דָאס מִיט דִיר, יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט פַארְלֶעשְׁט זִיךְ בַּיי דִיר דִי גֶעפִיל צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט פַארְוָואס דָאס פַּאסִירְט; אַמָאל הָאסְטוּ גֶעהַאט חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען אוּן יֶעצְט הָאסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט דֶעם גֶעפִיל.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן כה): ״וּבָזֶה טוֹעִין הַחֲסִידִים הַרְבֵּה, שֶׁפִּתְאֹם נִדְמֶה לָהֶם שֶׁנָּפְלוּ מֵעֲבוֹדַת ה׳״, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ טוֹעֶה, עֶס דַאכְט זִיךְ זֵיי ווִי זֵיי פַאלְן אַרָאפּ פוּן זֵייעֶר עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם, ״וּבֶאֱמֶת אֵין זֶה נְפִילָה כְּלָל, רַק מֵחֲמַת שֶׁצְּרִיכִין לַעֲלוֹת מִמַּדְרֵגָה לְמַדְרֵגָה וְאָז מִתְעוֹרְרִין וּמִתְגַּבְּרִין מֵחָדָשׁ הַקְּלִיפּוֹת שֶׁהֵם הַתַּאֲווֹת וְהַבִּלְבּוּלִים וְהַדִּמְיוֹנוֹת וְהַמַּחֲשָׁבוֹת וְהַמְּנִיעוֹת כַּנַּ״ל, עַל כֵּן צְרִיכִין לְהִתְגַּבֵּר בְּכָל פַּעַם מֵחָדָשׁ לַחֲזֹר וּלְהַכְנִיעַ וּלְשַׁבֵּר הַקְּלִיפּוֹת וְהַמְּנִיעוֹת וְכוּ׳ שֶׁבְּכָל מַדְרֵגָה וּמַדְרֵגָה מֵחָדָשׁ, אֲבָל בֶּאֱמֶת אֵין זֶה נְפִילָה כְּלָל כַּנַּ״ל״, דָאס אִיז נָאר וַוייל מֶען דַארְף גֵיין הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער אִין עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם אוּן כְּדֵי צוּ קֶענֶען גֵיין הֶעכֶער דַארְף מֶען אַרָאפּ גֵיין, מֶען דַארְף זִיךְ נָאכְאַמָאל שְׁטַארְקְן אוֹיף אַלֶע קְלִיפּוֹת וָואס דָאס זֶענֶען דִי אַלְטֶע מַעֲשִׂים וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן, דֶערִיבֶּער זֶעט דָאס אוֹיס ווִי מֶען אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן, אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז דָאס נִישְׁט קַיין נְפִילָה.

אַז דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק, דוּ וֶועסְט נִישְׁט אָפְּלָאזְן דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, וֶועסְט לֶערְנֶען אֲפִילוּ אָן חֵשֶׁק, דוּ וֶועסְט וַוייטֶער דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַז פְּלוּצְלוּנְג וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע גֶעפִיל אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה,

דוּ וֶועסְט אַזוֹי לִיבּ הָאבְּן צוּ לֶערְנֶען, דוּ וֶועסְט גָארְנִישְׁט וֶועלְן נָאר לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען.

דֶערְהַאלְט זִיךְ, וַוייל נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ; דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**זַיי פֶּעלְזְן פֶּעסְט קֶעגְן דֶעם יֵצֶר הָרַע**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ג' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

טֵייעֶרֶער ... **נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד מַחֲנֶה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר, דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ; זַיי פֶּעלְזְן פֶּעסְט קֶעגְן דֶעם יֵצֶר הָרַע, הֶער אִים נִישְׁט אוֹיס, פָּאלְג אִים נִישְׁט, הִיט זִיךְ דַיינֶע אוֹיגְן, הִיט זִיךְ בִּקְדוּשַּׁת הַיְּסוֹד.

**גֵיי אִין פֶעלְד, שְׁרֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הִיט מִיר, אִיךְ ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ ווִיל זַיין הֵיילִיג! רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ ווִיל חֲתוּנָה הָאבְּן, אִיךְ ווִיל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן בִּקְדֻשַּׁת הַיְסוֹד, רַאטֶעוֶוע מִיר, טַאטֶע!״** אַזוֹי זָאלְסְטוּ שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן.

דוּ פְרֶעגְסְט ווִי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ חֵן; נֶעם דֶעם רֶבִּינְ׳ס סֵפֶר הַמִּדּוֹת, קוּק אַרַיין בַּיי אוֹת חֵן וֶועסְטוּ זֶען ווִי אַזוֹי מֶען בַּאקוּמְט חֵן; ״יִשְׁמֹר אֶת עַצְמוֹ מִמַּאַכְלֵי אִסּוּר (שָׁם, סִימָן ד)״, דוּרְךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן וָואס מֶען עֶסְט, נָאר מִיט אַ גוּטֶע הֶכְשֵׁר; ״יִשְׁמֹר אֶת פִּיו מִדִּבּוּר אָסוּר; דִּבּוּרִים הַיּוֹצְאִים בְּנִיחוּתָא נִתְקַבְּלִים אֵצֶל בְּנֵי אָדָם (שָׁם, סִימָן ד, יא)״, דוּרְךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן וָואס מֶען רֶעדְט, רֶעדְן נָאר אֵיידְל. ״עֵסֶק הַתּוֹרָה בַּדֶּרֶךְ נוֹתֶנֶת חֵן (שָׁם, סִימָן יג)״, אוֹיךְ דוּרְךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה אוֹיפְ׳ן וֶועג. ״כְּשֶׁתַּעֲבִיר עַל מִדּוֹתֶיךָ תִּמְצָא חֵן (שָׁם, סִימָן ו)״, יֶעדֶעס מָאל אַז מֶען שְׁטֶעלְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף זַאכְן, מֶען אִיז מְוַתֵּר; דָאס אַלֶעס בְּרֶענְגְט חֵן. ״עַל יְדֵי הַיִּרְאָה מִתַּלְמִיד חָכָם תִּזְכֶּה לְחֵן (שָׁם, סִימָן י)״, אוֹיךְ דוּרְךְ הָאבְּן הַכְנָעָה פַאר תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, דָאס בְּרֶענְגְט חֵן.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס לִיבְּט דִיר.

...

**טוּן דִי אַרְבֶּעט מִיט אַ חַיוּת, מִיט אַ לֶעבְּן אוּן מִיט אַ פְּרִישְׁקֵייט**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ג׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**דִי חָשׁוּבֶ׳עֶ טִיטְשֶׁער מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אַ מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה אַז אִיר קוּמְט צוּרִיק נָאךְ אַ יָאר אַרְבֶּעטְן בַּיי אוּנְז אִין סְקוּל בֵּית פֵּיגָא.

אַייעֶר מַעֲלָה אִיז אַז אִיר טוּט אַייעֶר אַרְבֶּעט מִיט אַ חַיוּת, מִיט אַ לֶעבְּן אוּן מִיט אַ פְּרִישְׁקֵייט. עֶס זֶענֶען דָא קְלוּגֶע טִיטְשֶׁערְס, גֶעלוּנְגֶענֶע טִיטְשֶׁערְס, טַאלַאנְטְפוּלֶע טִיטְשֶׁערְס, אָבֶּער דָאס אִיז נָאר וֶוערְד וֶוען עֶס אִיז דָא אַ חַיוּת, אַ לֶעבְּן; אָן חַיוּת אִיז דָאס אַזוֹי וִוי אַ גוּטֶע זוּפּ וָואס הָאט אַלֶע טַעֲמִים אָבֶּער עֶס אִיז קַאלְט.

וָואס אִיז דֶער חִילוּק פוּן אַ בְּרֶסְלֶבֶ׳עֶר חָסִיד אוּן נִישְׁט אַ בְּרֶסְלֶבֶ׳עֶר חָסִיד? קֶען זַיין דֶער נִישְׁט חָסִיד אִיז אֶפְשָׁר מֶער מְדַקְדֵק וְכוּ׳, אָבֶּער עֶס אִיז אַ קַאלְטֶע זוּפּ, מַה שֶּׁאֵין כֵּן אֵיינֶער וָואס אִיז לֶעבֶּעדִיג, פְּרִישׁ אוּן מִיט אַ חַיוּת - אִיז דָאס אַ וַוארֶעמֶע זוּפּ, יֶעדֶער אִיז זִיךְ מְחַיֶ׳ מִיט אַ וַוארֶעמֶע זוּפּ, אֲפִילוּ עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי וִוי דִי קַאלְטֶע זוּפּ.

לֵייגְט אַרַיין וַוייטֶער אַ לֶעבְּן אִין דִי קִינְדֶער, לֵייגְט אַרַיין אַ גֶעשְׁמַאק אִין סְקוּל. זַיין אַ טִיטְשֶׁער אִיז אַ זַאךְ וָואס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אִין הִימְל, אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס דִי קִינְדֶער גֵייעֶן טוּן אִין זֵייעֶר לֶעבְּן גֵייט אַרָאפּ דֶערְפוּן פְּרָאצֶענְט פַּאר דִי לֶערֶערִינְס.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## אַנְטְלוֹיפְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע חַבֶר׳טֶעס

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ג׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

פַארְוָואס שְׁפִּירְט אִיר אִין זִיךְ אַ שׁוּלְד גֶעפִיל אַז אִיר הָאט אָפְּגֶעלָאזְט דִי חַבֶר׳טֶע? פַארְוָואס הָאט אִיר מֶער רַחְמָנוּת אוֹיף אִיר וִוי אוֹיף זִיךְ? אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט וָואס אִיר הָאט אִין זִיךְ אַ שׁוּלְד גֶעפִיל אַז אִיר רֶעדְט מֶער נִישְׁט מִיט אִיר, אַייעֶר לֶעבְּן אִיז אַייךְ נִישְׁט ווִיכְטִיגֶער?! אַז אִיר וֶועט צוּרִיקְגֵיין צוּ אִיר, קוּקְן מִיט אִיר דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן - אִיז גֶעעֶנְדִיגְט מִיט לֶעבְּן.

דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ וָואס אִיר הָאט גֶעטוּן אִין לֶעבְּן אִיז אַז אִיר הָאט אָפְּגֶעהַאקְט אַלֶע קֶשָׁרִים מִיט אִיר. זוּכְט אַייךְ גוּטֶע חַבֶר׳טֶעס מִיט וֶועם אִיר וֶועט קֶענֶען פַארְבְּרֶענְגֶען אוּן שְׁמוּעֶסְן, גֵיין אוּן קוּמֶען, חַבֶרְטֶ׳עס וָואס וַוייזְן אַייךְ נִישְׁט קַיין שְׁמוּץ.

זַייט מְקָרֵב אַנְדֶערֶע מֵיידְלֶעךְ, אִיר לָאזְט אָפּ; אַז זִי הָאט אַ שְׁטַארְקֶע הַשְׁפָּעָה אוֹיף אַייךְ, זִי וַוייזְט אַייךְ שְׁמוּץ הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ - אַנְטְלוֹיפְט פוּן אִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## קֵיינֶער דַארְף נִישְׁט ווִיסְן אַז דוּ פָארְסְט קַיין אוּמַאן

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ג׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הַדָּבָר הָרִאשׁוֹן, זַיי מִיר דַן לְכַף זְכוּת; אִיךְ קוּם נִישְׁט אָן צוּ עֶנְטְפֶערְן אַלֶע בְּרִיוְון, עֶס קוּמֶען אָן צוּ מִיר אַזוֹיפִיל בְּרִיוו יֶעדְן טָאג, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט דִי צַייט צוּ קֶענֶען עֶנְטְפֶערְן אַלֶע בְּרִיוו.

אַז דוּ וֶועסְט צוּהֶערְן צוּ דִי שִׁיעוּרִים וֶועסְטוּ עַל פִּי רוֹב בַּאקוּמֶען תְּשׁוּבוֹת; דִי שִׁיעוּרִים עֶנְטְהַאלְטְן אִין זִיךְ תְּשׁוּבוֹת אוֹיף אַלֶע סָארְט שְׁאֵלוֹת, אַז מֶען הֶערְט

זִיךְ צוּ צוּ דֶעם בַּאקוּמְט מֶען תְּשׁוּבוֹת אוֹיף אַ וואוּנְדֶערְלִיכְן וֶועג.

בְּנוֹגֵעַ קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דוּ פְרֶעגְסְט וָואס צוּ טוּן וֶוען בַּיי עֶנְק אִין דִי חֲסִידוּת אִיז מֶען זֵייעֶר מַקְפִּיד מֶען זָאל נִישְׁט אַוֶועק פָּארְן פוּן עֶנְקֶער רֶבִּי; וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז אוֹיב דוּ קֶענְסְט עֶס בַּאהַאלְטְן, קֵיינֶער זָאל נִישְׁט וִויסְן וואוּ דוּ גֵייסְט אוּן וואוּ דוּ פָּארְסְט, דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן קַיין הִתְנַגְּדוּת.

מַאךְ זִיךְ אַלֵיינְס אַ חֶשְׁבּוֹן, שְׁטֶעל זִיךְ פָאר דוּ דַארְפְסְט אַרִיבֶּערְגֵיין אַ פְּרָאצֶעס, עֶס וַוארְט אוֹיף דִיר אַ שְׁוֶוערֶע גֶערִיכְט, מֶען גֵייט דִיר דַן זַיין אוֹיף תְּפִיסָה וְכַדוֹמֶה, אוּן דוּ וֵוייסְט אַז עֶס אִיז דָא אַ לוֹיעֶר עֶרְגֶעץ אִין אַ וַוייטֶע מְדִינָה וָואס עֶר זָאגְט אַז עֶר קֶען דִיר רַאטֶעוֶוען, וָואס וָואלְסְטוּ גֶעטוּן, וָואלְסְט גֶעפְרֶעגְט אֵיינֶעם אַ דֵעָה אוֹיב יָא פָארְן אָדֶער נִישְׁט פָארְן? וָואלְסְט בִּכְלַל גֶעטְרַאכְט פוּן אַ צְוֵוייטְן? דוּ וָואלְסְט דָאךְ נָאר גֶעטְרַאכְט פוּן דִיר אַלֵיינְס, דוּ וָואלְסְט גֶעכַאפְּט הֶענְט אוּן פִיס אוּן גֶעלָאפְן צוּם לוֹיעֶר; יֶעצְט פְרֶעג אִיךְ דִיר, עֶס קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מֶען גֵייט אוּנְז אַלֶע מִשְׁפָּטְ'ן, מֶען גֵייט אוּנְז מִשְׁפָּטְ'ן מִי יִחְיֶה, מִי יָמוּת, אַזוֹי וִוי מֶען זָאגְט בַּיים דַאוֶונֶען: "בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יִכָּתֵבוּן, וּבְיוֹם צוֹם כִּפּוּר יֵחָתֵמוּן - כַּמָּה יַעַבְרוּן וְכַמָּה יִבָּרֵאוּן, מִי יִחְיֶה וּמִי יָמוּת, מִי בְקִצּוֹ וּמִי לֹא בְקִצּוֹ, מִי בָאֵשׁ, וּמִי בַמַּיִם, מִי בַחֶרֶב, וּמִי בָרָעָב, מִי בָרַעַשׁ, וּמִי בַמַּגֵּפָה", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תסו) "וֶוען דֶער חַזָן זָאגְט: 'מִי... וּמִי...' אִיז מְרוּמָז אִינֶעם נוּסַח אַלֶע צָרוֹת אוּן יְסוּרִים וָואס מֶען רֶעכְנְט נִישְׁט אוֹיס אִינֶעם פִּיּוּט"; פְרֶעג אִיךְ דִיר, אַז מִיר הָאבְּן אַ צַדִיק פוּן צְוֵויי הוּנְדֶערְט יָאר צוּרִיק וָואס הָאט גֶעהֵייסְן קוּמֶען צוּ אִים, וֶועסְטוּ קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע וָואס זֵיי זָאגְן?! דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן תז): "שֶׁיְּכוֹלִין אָז אֲנָשִׁים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה לֹא הָיָה בְּאֶפְשָׁר שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם תִּקּוּן בְּשׁוּם אֹפֶן, אַף עַל פִּי כֵן בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יְכוֹלִין אֲפִילוּ הֵם לְקַבֵּל תִּקּוּן. אַף עַל פִּי שֶׁבְּכָל הַשָּׁנָה אֲפִילוּ הוּא בְּעַצְמוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה לֹא הָיָה יָכוֹל לְתַקְּנָם, אֲבָל בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה גַּם הֵם יְכוֹלִים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים. כִּי אָמַר שֶׁהוּא עוֹשֶׂה בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה עִנְיָנִים וְתִקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה גַּם הוּא אֵינוֹ יָכוֹל לַעֲשׂוֹת", אֲפִילוּ מֶענְטְשְׁן וָואס דֶער רֶבִּי קֶען אַ גַאנְץ יָאר נִישְׁט הֶעלְפְן, אָבֶּער רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען עֶר יֶעדְן אֵיינֶעם פַארֶרעכְטְן.

בְּנוֹגֵעַ הֶעלְפְן מִיטְ'ן אִיבֶּערְטַייטְשְׁן דִי בִּרְיוו אוֹיף לְשׁוֹן הַקּוֹדֶשׁ; פַארְבִּינְד זִיךְ מִיט הָאבְּרֵךְ ..., דֶער גַבַּאי אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם, עֶר אִיז

גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף אִיבֶּערְטַייטְשְׁן דִי בְּרִיוו.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## רֶעדְן שֵׁיין מִיט הַארְץ צוּ דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ג׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ דַאנְק אַייךְ פַאר׳ן זִיךְ אַזוֹי אָנְשְׁטְרֶענְגֶען מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ הֶעלְפְן דִי סְקוּל ״בֵּית פֵיגָא״, אִיר זֶענְט גֶעבְּלִיבְּן אִין שְׁטָאט צוּ הַאלְטְן אָפְן דִי סְקוּל פַּאר דִי זוּמֶער וָואכְן; דִי זְכוּת וֶועט שְׁטֶענְדִיג פַארְבְּלַייבְּן מִיט עֶנְק, אִיר וֶועט בַּאצָאלְט וֶוערְן פוּן רֶבִּי׳ן מִיט נַחַת בַּיי אַייעֶרֶע קִינְדֶער.

יֶעצְט הֶער אִיךְ אַז אִיר גֵייט זַיין אַ טִיטְשֶׁער דִי קוּמֶענְדִיגֶע יָאר בַּיי אוּנְז אִין סְקוּל; אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הָאבְּן טִיטְשֶׁערְס ווִי אַייךְ וָואס רֶעדְן שֵׁיין מִיט הַארְץ צוּ דִי קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן הַצְלָחָה וְסִיַּעְתָּא דִשְׁמַיָּא אוּן אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

זָאגְט יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים אוּן וֶוען אִיר הָאט נִישְׁט קַיין צַייט זָאגְט כָאטְשִׁיג אֵיין קַאפִּיטְל.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר זָאגְן דִי דְרַייצְן אֲנִי מַאֲמִין׳ס; זָאגְט עֶס מִיט טַייטְשׁ, ״אֲנִי מַאֲמִין״, אִיךְ גְלֵייבּ, ״בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה״, מִיט אַ גַאנְצֶע אֱמוּנָה, וְגוֹמֵר; דָאס גֶעבְּט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה.

...

## וֵויי און בִּיטֶער אִיז פַאר דִי קִינְדֶער וָואס וַואקְסְן אוֹיף מִיט מַחֲלוֹקֶת

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ג' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... שֶׁיִּחְיוּ**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִין שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב (חֵלֶק ג, מִכְתָּב שצד) פְּרֶעגְט אֵיינֶער אַז בַּיי זֵיי אִין שְׁטָאט זֶענֶען דָא צְוֵויי שׁוּלְן, אֵיינְס אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר שְׁטִיבְּל אָן קַיין הַנְהָגָה וְכוּ' וְכוּ' און אַ צְוֵוייטֶע שׁוּל נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶבְ'עֶר שׁוּל אָבֶער דָארְט אִיז דָא אַן עֶרְלִיכֶער רָב וָואס אִיז מְעוֹרֵר צוּ דַאוֶונֶען און לֶערְנֶען, יֶענֶער פְּרֶעגְט וואוּ עֶר זָאל עֶנְדֶערְשׁ דַאוֶוענֶען.

מוֹהֲרָא"שׁ עֶנְטְפֶערְט: "זֶה בָּרוּר שֶׁעָדִיף לְהִתְפַּלֵּל בְּבֵית הַכְּנֶסֶת הַנִּקְרָא עַל שֵׁם הַצַּדִּיק", דָאס אִיז קְלָאר אַז מֶען זָאל עֶנְדֶערְשׁ גֵיין דַאוֶוענֶען אִין אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר שְׁטִיבְּל, "עִם כָּל זֹאת אִם יֵשׁ שָׁם הֶפְקֵרוּת", אָבֶער אַז עֶס אִיז דָא דָארְט הֶפְקֵרוּת, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (שׁוֹפְטִים יז, ו): "בַּיָּמִים הָהֵם אֵין מֶלֶךְ בְּיִשְׂרָאֵל, אִישׁ הַיָּשָׁר בְּעֵינָיו יַעֲשֶׂה", יֶעדֶער אֵיינֶער טוּט וָואס עֶר ווִיל, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין הַנְהָגָה, "וּבִפְרָט שֶׁמְּדַבְּרִים בְּאֶמְצַע הַתְּפִלָּה וְכוּ'", וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען שְׁמוּעֶסְט און מֶען רֶעדְט בַּיים דַאוֶוענֶען, "עָדִיף לְהִתְפַּלֵּל בְּבֵית הַכְּנֶסֶת שֶׁיֵּשׁ שָׁמָּה סֵדֶר וְכוּ'", אִיז עֶנְדֶערְשׁ צוּ דַאוֶוענֶען אִין אַ שׁוּל וָואס אִיז דָא דָארְט אַ סֵדֶר, "וּבִפְרָט שֶׁבַּמָּקוֹם הַזֶּה מְעוֹרְרִים אוֹתוֹ לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", בִּפְרַט אַז דָארְט אִיז דָא הִתְחַזְקוּת פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אִיז זִיכֶער כְּדַאי צוּ דַאוֶוענֶען דָארְט. "כִּי אָדָם צָרִיךְ לְהִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ אֵיפֹה טוֹב לוֹ", מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג קוּקְן וואוּ אִיז גוּט פַאר זִיךְ אַלֵיינְס, "וְלִילָדָיו", וואוּ וֶועלְן מַיינֶע קִינְדֶער הָאבְּן הַצְלָחָה, "וְזֶה הָעִקָּר", דָאס אִיז דֶער עִיקָר אוֹיף וָואס מֶען דַארְף קוּקְן.

מוֹהֲרָא"שׁ עֶנְדִיגְט דֶעם בְּרִיוו: "הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יַעֲזֹר שֶׁכָּל בֵּית כְּנֶסֶת הַנִּקְרָא עַל שֵׁם רַבֵּנוּ זַ"ל לֹא יְבַזֶּה אֶת שְׁמוֹ הַקָּדוֹשׁ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז אַלֶע שׁוּלְן וָואס פַארְרוּפְן זִיךְ אוֹיפְ'ן רֶבִּינְ'ס נָאמֶען זָאל מֶען נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען דָארְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, "אֶלָּא שֶׁיְּדַבְּרוּ שָׁמָּה רַק מֵעֲצוֹתָיו הַקְּדוֹשׁוֹת", מֶען זָאל נָאר רֶעדְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן און פוּן זַיינֶע עֵצוֹת, "כִּי רַבֵּנוּ זַ"ל נִמְצָא רַק בְּמָקוֹם שֶׁמְּדַבְּרִים מִמֶּנּוּ וּמְקַיְּמִים אֶת עֲצוֹתָיו הַקְּדוֹשׁוֹת וְאֶת דְּבָרָיו", וַוייל דֶער רֶבִּי גֶעפִינְט

זִיךְ נָאר דָארְט וואוּ מֶען רֶעדְט פוּן אִים, פוּן זַיינֶע עֵצוֹת אוּן מֶען אִיז מְקַיֵּים וָואס עֶר זָאגְט. "כִּי אִם יֵשׁ בֵּית כְּנֶסֶת עַל שֵׁם רַבֵּנוּ ז"ל שֶׁבּוֹ בִּכְלָל לֹא מְדַבְּרִים מֵרַבֵּנוּ ז"ל", אוֹיבּ אִיז דָא אַ שׁוּל וָואס פַארְרוּפְט זִיךְ אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר שְׁטִיבְּל אָבֶּער מֶען רֶעדְט נִישְׁט דָארְט פוּן רֶבִּי'ן, "רַק הַכֹּל הֶפְקֵר וְכוּ'", אַלֶעס אִיז מִיט הֶפְקֵרוּת, "עַבְדָא בְּהֶפְקֵירָא נִיחָא לֵיהּ וְכוּ'", אַזוֹי וִוי קֶענֶעכְט וָואס זוּכְן הֶפְקֵרוּת, קֵיינֶער זָאל נִישְׁט זָאגְן וָואס צוּ טוּן, קֵיינֶער זָאל נִישְׁט אַיינְטֵיילְן וְכוּ', "אֲזַי צְרִיכִים לָדַעַת שֶׁרַבֵּנוּ ז"ל לֹא נִמְצָא שָׁמָּה", אִיז דֶער רֶבִּי נִישְׁט דָארְט, "כִּי הוּא נִמְצָא רַק בְּמָקוֹם שֶׁמְּדַבְּרִים מִמֶּנּוּ", וַוייל דֶער רֶבִּי אִיז נָאר דָארְט וואוּ מֶען רֶעדְט פוּן אִים אוּן וואוּ מֶען פָאלְגְט אִים.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס גֵייט פָאר אִין דִי מוֹסְדוֹת דָארְט; אֵיין זַאךְ קֶען אִיךְ אַייךְ זָאגְן, אַנְטְלוֹיפְט פוּן מַחֲלֹקֶת! גֶעבְּט אַכְטוּנְג צוּ שִׁיקְן דִי קִינְדֶער אִין אַ מוֹסָד וָואס דִי קִינְדֶער קְרִיגְן זִיךְ נִישְׁט, וַוייל וֵויי אוּן בִּיטֶער אִיז פַאר דִי קִינְדֶער וָואס וַואקְסְן אוֹיף מִיט מַחֲלֹקֶת, דִי אַלֶע גֵייעֶן אַרוֹיס פְרִיעֶר אָדֶער שְׁפֶּעטֶער לְתַרְבּוּת רָעָה.

אִיר שְׁרַייבְּט אַז אִיר זֶענְט תַּלְמִידִים פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, אִיר זֶענְט אוֹיפְגֶעוַואקְסְן בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ; וֵוייסְט אִיר אַוַדַאי וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעוָואלְט אוּן וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, מִיר זָאלְן שְׁטֵיין וַוייט פוּן מַחֲלֹקֶת אוּן זִיכֶער נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן דִי קִינְדֶער אִין מַחֲלֹקֶת. עֶס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אַז קִינְדֶער זָאלְן לֶערְנֶען אִין מוֹסְדוֹת וָואס פַארְרוּפְן זִיךְ מִיט'ן נָאמֶען 'הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ', אָבֶּער אַז דִי גַאנְצֶע לוּפְט אִין דִי מוֹסָד אִין מַחֲלֹקֶת, שִׂנְאָה, שְׁפֶּעטְן פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן - הָאט דָאס נִישְׁט מִיט מוֹהֲרָא"שׁ.

אִיךְ וֶועל אַייךְ דֶערְצֵיילְן וָואס אִיךְ הָאבּ בַּייגֶעוואוֹינְט מִיט אוּנְזֶער תַּלְמוּד תּוֹרָה, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו אַז אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט טוּן וָואס עֶר זָאגְט זָאלְן מִיר אַרָאפְּנֶעמֶען זַיין נָאמֶען פוּן דִי מוֹסָד; מִיר הָאבְּן גֶעפְרֶעגְט יֶעדֶע זַאךְ וִוי אַזוֹי צוּ טוּן אוּן עַד הַיּוֹם פִירְן מִיר דִי מוֹסָד וִוי אַזוֹי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט וִויסְן וָואס אִיר הָאט צוּ טוּן, וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן; בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן, אוּן בְּעִיקָר מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן צְווִישְׁן אִידְן אוּן צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מֶען זָאל זִיךְ לִיבּ הָאבְּן, יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל גֵיין אוֹיף זַיין וֶועג, קֵיינֶער זָאל נִישְׁט פַּיינְט הָאבְּן דֶעם אַנְדֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ג׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד מַחֲנֶה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב**

דוּ בִּיסְט אַ טֵייעֶרער גוּטֶער בָּחוּר, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, בֶּעט אִים יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ דַארְפְסְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוֹיךְ גֶעהַאט דִי מִדָּה פוּן כַּעַס, עֶר הָאט דָאס אַזוֹי שְׁטַארְק אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט, בִּיז עֶס הָאט אִים שׁוֹין גָארְנִישְׁט גֶעאַרְט (שִׁבְחֵי הָרַ״ן, סִימָן כב). אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי אַנְדֶערֶע צַדִּיקִים, קֵיינֶער אִיז נִישְׁט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַ מַלְאָךְ, אַלֶע הָאבְּן זִיךְ גֶעמוּטְשֶׁעט.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף אַלֶע קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם - וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

### אַייעֶר אַרְבֶּעט אִין סְקוּל אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ג׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

שַׁאצְט נִישְׁט אוּנְטֶער אַייעֶר אַרְבֶּעט, פַּארְשְׁטֵייט אַלֵיינְס אַז אוֹיבּ הָאבְּן מִיר נִישְׁט אַ בֶּעבִּי סִיטֶער פַאר דִי טִיטְשֶׁערְס הָאבְּן מִיר נִישְׁט קַיין טִיטְשֶׁערְס. מִיט דֶעם וָואס אִיר הֶעלְפְט דִי מוֹסָד, אִיר נֶעמְט דִי קִינְדֶער פוּן דִי לֶערֶערִינְס - הָאט אִיר דִי זֶעלְבֶּע חֵלֶק אִינֶעם סְקוּל.

שְׁטַארְקְט זִיךְ, אַייעֶר אַרְבֶּעט אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב. עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וָואס מִיר וֶועלְן פַּארְשְׁטֵיין דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֶעלְפְן בּוֹיעֶן חֲדָרִים, סְקוּלְס, יְשִׁיבוֹת, כּוֹלְלִים; בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוֹת דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס מוֹסְדוֹת וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין אַ לִיכְטִיגְקֵייט אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## רֶעד אַסאךְ צוּ דִי קִינְדֶער פוּן מְוַתֵּר זַיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יום ד׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ג׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט מִיט דִי קִינְדֶער, אִיךְ הֶער צוּרִיק נָאר גוּטֶע גְרוּסְן.

אִיךְ בַּאקוּם יֶעדֶע וָואךְ דִי בְּרִיוו פוּן אַלֶע קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים, אָבֶער נִישְׁט אַלֶץ הָאבּ אִיךְ דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּרִיק צוּ שְׁרַייבְּן. זַיי מְחַזֵּק דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן וַוייטֶער שְׁרַייבְּן, עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶע זַאךְ אוֹיסְצוּלֶערְנֶען קִינְדֶער שְׁרַייבְּן בְּרִיוו, אַזוֹי וֶועלְן זֵיי קֶענֶען שְׁרַייבְּן אִין זֵייעֶר לֶעבְּן.

רֶעד אַסאךְ צוּ זֵיי פוּן מְוַתֵּר זַיין, רֶעד צוּ זֵיי פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין בְּשָׁלוֹם. אַז דוּ זֶעסְט אֵיינֶער פוּן דִי קִינְדֶער אָדֶער בָּחוּרִים מִיט אוֹיסְגֶעצֵייכְנְטֶע מִדּוֹת, אַ קִינְד וָואס אִיז מְוַתֵּר; זָאלְסְטוּ מַאכְן אַן עֵסֶק פוּן אִים, אַזוֹי וֶועלְן דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער אוֹיךְ וֶועלְן זַיין אַזוֹי.

אֵיינֶער פוּן דִי קִינְדֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, שְׁרַייבְּט מִיר אַז ... נֵרוֹ יָאִיר - רוֹדְפְ׳ט אִים, עֶר וַויינְט אִינֶעם בְּרִיוו אַז עֶר הַאלְט נִישְׁט אוֹיס. זַיי מְבַרֵר וָואס דָארְט גֵייט פָאר, וַוייל עֶר אִיז אַ טַייעֶר קִינְד, אוּן דֶער אַנְדֶערֶער אִיז אוֹיךְ וואויל, דַארְף מֶען זֶען אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט וֶוערן בַּא׳עַוְלָה׳ט.

אִיךְ וִויל קוּמֶען מָארְגְן, דָאנֶערְשְׁטָאג, רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער; לָאז מִיר וִויסְן אוֹיבּ עֶס אִיז גוּט צוּ קוּמֶען מָארְגְן.

אוֹיךְ וִויל אִיךְ דִיר בֶּעטְן, דִינְסְטָאג פַּרְשַׁת כִּי תָבוֹא הָאבְּן מִיר אַ חֲתוּנָּה אִין יְשִׁיבָה, אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי מִצְוָה, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאלְן קֶענֶען חֲתוּנָּה מַאכְן בְּחִנָּם מַמָּשׁ.

אֵיין זַאךְ וִויל אִיךְ טוֹישְׁן, אִיךְ וִויל לֵייגְן בַּיי דִי פְרוֹיעֶן סְחוֹרָה׳נֶע טִישְׁטוּכֶער, עֶס זָאל הָאבְּן אַ שְׁטִיקְל פָּנִים.

בְּנוֹגֵעַ אוּמַאן; לָאזְן וויסְן פַאר דִי פָּאר וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין בֶּעט אַז מֶען קֶען יָא דִינְגֶען וַוייל מִיר (חָסֵר).

...

## מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער, נִישְׁט קוּקְן אוֹיפְ׳ן טֶעלֶעפָאן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים, ג׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

הֲגַם אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶערֶעדְט מִיט אַייךְ, ווִיל אִיךְ עֶס שְׁרַייבְּן.

אֵיינֶע פוּן דִי מֵיידְלֶעךְ זָאגְן מִיר מִיט שְׁרֶעק אַז זִי הָאט זֵייעֶר מוֹרָא צוּ שְׁווִימֶען אִין קֶעמְפּ, וַוייל דִי לֵיי״ף גַארְ״ד שְׁפִּילְט זִיךְ מִיטְ׳ן טֶעלֶעפָאן בִּשְׁעַת זִי דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן.

ווִיסְן זָאלְט אִיר, בִּשְׁעַת מֶען אִיז לֵיי״ף גַארְ״ד טָאר מֶען נִישְׁט הַאלְטְן אִין הַאנְט אַ טֶעלֶעפָאן, עֶס קֶען זַיין סַכָּנַת נְפָשׁוֹת. אַזוֹי ווִי בַּיים דְרַייוְון טָאר מֶען נִישְׁט הַאלְטְן דֶעם טֶעלֶעפָאן, מֶען קֶען חַס וְשָׁלוֹם וֶוערְן גֶע׳הַרְגְ׳עֶט אוּן הַרְגְ׳עֶנֶען אַנְדֶערֶע הַשֵּׁם יְרַחֵם, אַזוֹי אוֹיךְ בַּיים אַכְטוּנְג גֶעבְּן בַּיים שְׁווִימֶען וְכוּ׳, דֶער טֶעלֶעפָאן נֶעמְט אַוֶועק דִי מֹחַ מַחֲשָׁבָה.

אִיךְ פַארְלַאנְג פוּן אַלֶע טִיטְשֶׁערְס בַּיי אוּנְז אִין שׁוּלֶע ״בֵּית פֵיגָא״, אַז מֶען קֶען נִישְׁט הָאבְּן דִי טֶעלֶעפָאן בִּשְׁעַת מֶען דַארְף זַיין מִיט דִי קִינְדֶער, דֶער טֶעלֶעפָאן נֶעמְט אַוֶועק דִי קָאפּ פוּן קֶענֶען קָאנְצֶעטְרִירְן וָואס מֶען דַארְף טוּן.

בִּכְלַל וָואלְט אִיךְ אַייךְ גֶערָאטְן אִיר זָאלְט אַרָאפְּגֵיין פוּן יֶעדֶע סָארְט גְרוּפּ, אָנְגֶעפַּאנְגֶען פוּן מִשְׁפָּחָה בִּיז חַבֶרְ׳טֶעס. עֶס נֶעמְט אַוֶועק צַייט פוּן לֶעבְּן, עֶס נֶעמְט אַוֶועק דִי קָאפּ פוּן דִי אֵייגֶענֶע מִשְׁפָּחָה. אִיר הָאט יֶעצְט אַ נֵייעֶ מִשְׁפָּחָה, אַייעֶר מִשְׁפָּחָה אִיז אִיר, אַייעֶר מַאן אוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער; אַלֶע אַנְדֶערֶע אִיז זֵייעֶר גוּט וֶוען מֶען טְרֶעפְט זִיךְ וְכוּ׳ וְכוּ׳, אָבֶער נִישְׁט אוֹיף צוּ זַיין פַארְנוּמֶען פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה.

אִיךְ הָאף אִיר קוּמְט צוּרִיק קוּמֶענְדִיגֶע יָאר זַיין אַ טִיטְשֶׁער בַּיי אוּנְז אִין בֵּית פֵיגָא מִיט פְרִישֶׁע כֹּחוֹת.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

### פְרֶעג דַיינֶע עֶלְטֶערְן וואו דו זָאלְסְט לֶערְנֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ג׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד מַחֲנֶה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן דִי גוּטֶע גְרוּסְן אוּן אַז דוּ הָאסְט הַנָאָה אִין קֶעמְפּ.

בְּנוֹגֵעַ וואו צוּ לֶערְנֶען קוּמֶענְדִיגֶע זְמַן; פְרֶעג דַיינֶע עֶלְטֶערְן, דוּ הָאסְט זֵייעֶר וואוּילֶע עֶלְטֶערְן, פְרֶעג זֵיי וָואס זֵיי ווִילְן, צִי דוּ זָאלְסְט קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, אָדֶער בְּלַייבְּן אִין יְשִׁיבָה אִין שְׁטֶעטְל.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### וֶוער עֶס הֶעלְפְט אִין אָפִּיס, הָאט אַ חֵלֶק אִינֶעם גַאנְצְן מוֹסָד

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ג׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

יְיַשֶׁר כֹּחַ!

דֶער אָפִּיס אִיז דִי מוֹסָד; וֶוער עֶס הֶעלְפְט אִין אָפִּיס הָאט אַ חֵלֶק אִין יֶעדְן פִּיצְל פוּנֶעם מוֹסָד.

גֶעבּ אִיבֶּער פַאר אַלֶע סֶעקְרֶיטֶערִיס אַז זֵיי הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּנֶעם מוֹסָד.

אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## די קִינְדֶער קוּמֶען אַהֵיים מִיט אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ צְנִיעוּת

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ג' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז אִיר נֶעמְט אָן נָאךְ אַ יָאר צוּ לֶערְנֶען מִיט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אִין "בֵּית פֵּיגָא", אִיךְ הָאף אִיר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט נֶעכְטְן בַּיי דִי אֲסִיפָה מִיט אַלֶע טִיטְשֶׁערְס.

אֵיינֶע פוּן דִי עִקָּרִים וָואס אִיךְ פַארְלַאנְג פוּן דִי טִיטְשֶׁערְס, אַז מֶען זָאל אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ אֵיידְלְקֵייט, אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ צְנִיעוּת; ווִיפִיל אִיךְ הֶער צוּרִיק פוּן דִי עֶלְטֶערְן זָאגְן זֵיי אַלֶע אַז דִי קִינְדֶער קוּמֶען אַהֵיים מִיט אַזַא לִיבְּשַׁאפְט צוּ צְנִיעוּת.

אַ טֵייל עֶלְטֶערְן זָאגְן מִיר אַז זֵיי ווִילְן אָנְטוּן דִי קִינְדֶער נִישְׁט אַזוֹי ווִי מֶען דַארְף (דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן אַ פַארְקֶערְטֶע גֶעפִיל, זֵיי הָאט מֶען אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַ פֵּיינְטְשַׁאפְט צוּ צְנִיעוּת וְכוּ'), אָבֶער דִי טֶעכְטֶער ווֵיינֶען, זֵיי בֶּעטְן: "מַאמִי, אִיךְ ווִיל מֶער אֵיידֶעלֶער, אִיךְ הָאבּ לִיבּ צְנִיעוּת".

דָאס אִיז - ווִי אִיךְ פַארְשְׁטֵיי - אַייעֶר אַרְבֶּעט; ווִי אִיר מַאכְט עֶס מִיט אַ שְׁטַארְקֶע חָכְמָה, נִישְׁט גֶעצְווּוּנְגֶען, אִיר מַאכְט עֶס פְרֵיילִיךְ, אִיר מַאכְט מֶען זָאל דָאס ווֶועלְן.

אִין דֶעם זְכוּת זָאלְט אִיר הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## גֵייט צוּ דִי חֲתוּנָה מִיט שִׂמְחָה אוּן יִשּׁוּב הַדַּעַת

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ד' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

ווֶערְט נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דֶעם פְּרָאבְּלֶעם; דֶער פְּרָאבְּלֶעם וְכוּ' ווֶעט גָארְנִישְׁט שְׁטֶערְן פַאר נָאךְ אַייעֶר חֲתוּנָה, אַייעֶר מַאן ווֶעט נִישְׁט ווִיסְן פוּן דֶעם. עֶס אִיז גְרִינְג פַאר אַ פְרוֹי דָאס צוּ אוֹיסְבַּאהַאלְטְן, ווַייל דִי פְרוֹי אִיז דֶער וָואס ווַאשְׁט דִי ווֶעשׁ. אוֹיבּ עֶס פַּאסִירְט בַּיינַאכְט וְכוּ' קֶען מֶען אוֹיסְווַאשְׁן דִי בֶּעט

גֶעוואוּנט, אַנְדֶערְשׁ אִיז וֶוען עֶס פַּאסִירְט בַּיים מַאן, דֶעמָאלְט אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ בַּאהַאלְטְן; דֶעריבֶּער דַארְפְט איר בִּכְלַל נִישְׁט וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן, אוּן אַז אַייעֶר מַאן וֶועט זִיךְ יָא דֶערְוִויסְן - וֶועט אוֹיךְ גָארְנִישְׁט זַיין; וָואס אִיז דֶען? בְּסַךְ הַכֹּל זֶענְט אִיר אַ מֶענְטְשׁ, אִיר זֶענְט נִישְׁט קַיין מַלְאָךְ, עֶס מַאכְט נִישְׁט וֶוייניגֶער דֶעם מֶענְטְשׁ.

אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעהַאט בַּיי אַ טֵייל פוּן מַיינֶע טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, זֵיי וֶועקְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיף בַּיינַאכְט וְכוּ׳; אִיךְ זָאג זֵיי אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט, עֶס אִיז נִישְׁט זֵייעֶר שׁוּלְד; מֶען וֶוערְט נִישְׁט וֶוייניגֶער חָשׁוּב אַז מֶען גֵייט דָאס אַרִיבֶּער.

דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז איר הַאלְט שׁוֹין דָא, אִיר גֵייט שׁוֹין צוּ אַייעֶר חֲתוּנָה; גֵייט צוּ דִי חֲתוּנָה מִיט שִׂמְחָה אוּן יִשּׁוּב הַדַּעַת, עֶס זָאל אַייךְ גָארְנִישְׁט אָנְגֵיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## יְיַשֶּׁר כֹּחַ פַּארְ׳ן הֶעלְפְן אַזוֹי גֶעטְרֵיי אִין אָפִּיס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים, ד׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן ... תִּחְיֶ׳

יְיַשֶּׁר כֹּחַ פַּארְ׳ן הֶעלְפְן אַזוֹי גֶעטְרֵיי אִין אָפִּיס.

אִיךְ הָאף אוּן אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט בְּלַייבְּן אִין אָפִּיס מִיר הֶעלְפְן, אִיךְ דַארְף דִי אָפִּיס מְסוּדָּר, אִיךְ דַארְף דִי אָפִּיס פַּארְ דִי מוֹסְדוֹת, אָן דִי אָפִּיס הָאבְּן מִיר נִישְׁט קַיין מוֹסְדוֹת.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## וֶוען דֶער יְסוֹד אִיז גוּט אוּן פֶּעסְט, קֶען מֶען בּוֹיעֶן דֶערוֹיף אַ שְׁטַארְקֶע בִּנְיָן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים, ה׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לפ״ק

לְכָבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ פוּן יְרוּשָׁלַיִם, ה׳ עֲלֵיהֶם

יַחְיוּ

מִיר דַארְפְן זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אוּנְז צוּ הָאבְּן אֱמוּנָה, דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אוּנְז צוּ דִי דַרְגָּה פוּן דִי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים וָואס זֵיי לֶעבְּן אַ גַאנְצְן טָאג אוּן אַ גַאנְצֶע נַאכְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; צוּ דִי דַרְגָּה בְּרֶענְגְט אוּנְז דֶער רֶבִּי צוּ, מִיר זָאלְן נִישְׁט מַסִּיחַ דַּעַת זַיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶענְטְשְׁן שְׁפֶּעטְן פוּן אוּנְז אַז מִיר רֶעדְן אַזוֹיפִיל פוּן קְדוּשָּׁה וְטָהֳרָה, מֶענְטְשְׁן מַאכְן אַ גֶעשְׁפֶּעט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ וָואס הָאט אַזוֹיפִיל גֶערֶעדְט פוּן קְדוּשַּׁת הַבְּרִית; גֶעשְׁרִיבְּן אוּן גֶעדְרוּקְט סְפָרִים פוּן קְדוּשַּׁת יִשְׂרָאֵל, מֶען מַאכְט פוּן דֶעם כָּל הַלֵּיצָנוּת, מֶען צֶערַייסְט דִי סְפָרִים, מֶען אִיז מְבַזֶּה תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

פַארְוָואס טַאקֶע הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אַזוֹיפִיל גֶערֶעדְט פוּן קְדוּשַּׁת הַיְּסוֹד? וָואס הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אַזוֹיפִיל גֶעשְׁרִיבְּן פוּן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן אִין קְדוּשַּׁת הַבְּרִית? וַוייל בַּיים רֶבִּי'ן אִיז דָאס גֶעוֶוען פוּן דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאכְן; וַוייל וֶוען דֶער יְסוֹד פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אִיז גוּט אוּן פֶעסְט, דֶעמָאלְט קֶען מֶען בּוֹיעֶן אַ שְׁטַארְקֶע בִּנְיָן אוֹיף דֶעם, וֶוען מֶען אִיז אָפְּגֶעהִיטְן בִּקְדֻשַּׁת הַבְּרִית, קְדוּשַּׁת הַמַּחְשָׁבָה וָואס אִיז דֶער יְסוֹד פוּנֶעם מֶענְטְשׁ - דֶעמָאלְט הָאט מֶען אַ רֵיינֶע מֹחַ, מֶען קֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגָה, אָבֶּער אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם דֶער יְסוֹד אִיז נִישְׁט גוּט, מֶען זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, דֶעמָאלְט אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער, דֶעמָאלְט פַאלְט אַלֶעס אַרָאפּ, וָואס מֶען בּוֹיט פַאלְט אַיין, עֶס וֶוערְט אַלֶעס חָרוּב.

אִיר הָאט זִיכֶער גֶעהֶערְט דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע נֵייעֶס וָואס הָאט פַּאסִירְט אִין אַמֶערִיקֶע, אִין שְׁטָאט פְלָארִידָא; אַ רִיזִיגֶער בִּנְיָן, אַ הוֹיכֶער בִּנְיָן אִיז אַיינְגֶעפַאלְן מִיט אַלֶע אַיינְוואוֹינֶער, אִינְמִיטְן דִי נַאכְט אִיז גֶעוָוארְן פוּנֶעם גְרוֹיסְן בִּנְיָן עָפָר וָאֵפֶר, לֵיידֶער זֶענֶען דָארְט אוּמְגֶעקוּמֶען זֵייעֶר אַסַאךְ אִידִישֶׁע קִינְדֶער, יֶעצְט שְׁטֶעלְט זִיךְ אַרוֹיס אַז מֶען הָאט שׁוֹין גֶעזָאגְט פוּן פָארְאוֹיס אַז דֶער יְסוֹד אִיז מְקֻלְקָל. דִי בַּעֲלֵי בָּתִּים הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג גֶעמַאכְט, עֶס הָאט זֵיי גֶעקָאסְט צוּפִיל גֶעלְט דָאס צוּ פַארֶעכְטְן, יֶעצְט אִיז גָארְנִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן, נָאנְט צוּ הוּנְדֶערְט מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אוּמְגֶעקוּמֶען אַלֶעס וַוייל דֶער יְסוֹד אִיז נִישְׁט גוּט.

אִיךְ בֶּעט עֶנְק טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, מַאכְט אַייךְ נִישְׁט צוּטוּן פוּן לֵצִים, פוּן דִי וָואס שְׁפֶּעטְן; אוֹיף אוּנְז לִיגְט אַ פְלִיכְט צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי קוּנְטְרֵסִים, גִּלְיוֹנוֹת אוּן

סְפָרִים וָואס מֶער, צוּ רַאטֶעוֶועןְ אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּן אַוֶועקְפַאלְן.

עֶס קוּמֶען אָן צוּ מִיר אַזוֹיפִיל בְּרִיוו פוּן אִינְגֶעלַייט אוּן בָּחוּרִים, זֵיי וֵויינֶען אַז זֵיי זֶענֶען אוּמְגְלִיקְלִיךְ גֶעוָוארְן, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוִויסְט פוּן וָואס זִיךְ צוּ הִיטְן, וָואלְט מֶען גֶערֶעדְט צוּ זֵיי וָואלְטְן זֵיי נִישְׁט אַזוֹי אַרָאפְּגֶעפַאלְן, יֶעצְט אִיז זֵיי אַזוֹי שְׁוֶוער, יֶעצְט וֶוען זֵיי זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אַיינְגֶעוואוֹינְט אִין שְׁלֶעכְטְס אִיז שׁוֹין זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר זֵיי. פָארִיגֶע וָואךְ שְׁרַייבְּט מִיר אַ בָּחוּר אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע בְּרִיוו, לֵיינְט זַיין וֵוייטָאג:

לִכְבוֹד רֹאשׁ הַיְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

**קוֹרְאִים לִי ... אֲנִי גָר בְּ...; כְּשֶׁהָיִיתִי יֶלֶד קָטָן הַמְלַמֵּד עָשָׂה אִתִּי וְאִם עוֹד יְלָדִים כָּל אֶחָד בְּנִפְרָד - עֲבֵרוֹת, כְּשֶׁקְּצָת גָּדַלְתִּי יְלָדִים עָשׂוּ אֶת זֶה בְּיַחַד בְּלִי הַמְלַמֵּד, אַחֲרֵי כַּמָּה שָׁנִים עָבַרְתִּי תַּלְמוּד תּוֹרָה, לֹא בִּגְלַל זֶה, וְהָיִיתִי עוֹשֶׂה עֲבֵרוֹת לְבַד; עַד שֶׁבְּחַסְדֵי הַשֵּׁם זָכִיתִי לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּנוּ וְהֵבַנְתִּי אֶת גֹּדֶל הַבְּעָיָה שֶׁלִּי וְהִתְחַלְתִּי לְהַגִּיד מִשְׁנָיוֹת, וְעַכְשָׁו אֲנִי רוֹצֶה לִשְׁאוֹל אִם אֲנִי יֵלֵךְ לַטִּפּוּל וְכוּ׳.**

[אִין אִידִישׁ: מַיין נָאמֶען אִיז ... אִיךְ וואוֹין אִין ... וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ קְלֵיין קִינְד הָאט מַיין רֶבִּי מִיר גֶענוּמֶען אוּן גֶעטוּן מִיט מִיר עֲבֵירוֹת, אוֹיךְ הָאט עֶר גֶענוּמֶען נָאךְ קִינְדֶער פוּן קְלַאס אוּן מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם בַּאזוּנְדֶער גֶעטוּן עֲבֵירוֹת, שְׁפֶּעטֶער וֶוען אִיךְ בִּין עֶלְטֶער גֶעוָוארְן פְלֶעגְן מִיר קִינְדֶער טוּן דִי עֲבֵירוֹת אִינְאֵיינֶעם, נָאךְ שְׁפֶּעטֶער בִּין אִיךְ שׁוֹין אַזוֹי גֶעפַאלְן אַז אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת גֶעהַאט, אִיךְ הָאבּ גֶעפִינֶען דֶעם רֶבִּי׳ן, עֶרְשְׁט דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָאס וָואס אִיךְ טוּ אִיז זֵייעֶר נִישְׁט גוּט, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן מִשְׁנָיוֹת. יֶעצְט וִויל אִיךְ פְרֶעגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוֹיבּ אִיךְ זָאל גֵיין צוּ מֶענְטְשְׁן זָאלְן מִיר הֶעלְפְן אָדֶער נִישְׁט].

אַ פַּחַד פוּן אַ בְּרִיוו וָואס קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים גֵייעֶן אַרִיבֶּער פוּן מְנֻוָּלִים; מוֹהֲרָא״שׁ פְלֶעגְט וֵויינֶען אוּן שְׁרֵייעֶן אוֹיף דִי צָרָה, עֶס דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם צְוִוישְׁן אוּנְז מְנִיוָולִים וָואס הַרְגְ׳עֶנֶען אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער וְאֵין פּוֹצֶה פֶּה וּמְצַפְצֵף, קֵיינֶער זָאגְט גָארְנִישְׁט, יֶעדֶער אִיז שְׁטִיל. מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט, אֵיינֶער וָואס טוּט מִיט קִינְדֶער מַעֲשֶׂה נְבָלָה דַארְף מֶען יֶענֶעם לֵייגְן אִין תְּפִיסָה פַאר זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, עֶר זָאל נִישְׁט זֶען דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן דִי זוּן.

מוֹהֲרָא״ש הָאט דֶערְצֵיילְט, אַ גְרוֹיסֶער אַדְמוֹ״ר פוּן בְּרוּקְלִין אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּן אִים פָארְגֶעהַאלְטְן הֲיִתָּכֵן אֵיינֶער פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים הָאבְּן פַאר׳מַסְרְ׳ט זַיינְס אַ מִתְפַּלֵל, דֶער אַדְמוֹ״ר הָאט פַארְלַאנְגְט פוּן מוֹהֲרָא״ש עֶר זָאל אִים זָאגְן עֶר זָאל צוּרִיק צִיעֶן פוּן דִי מְסִירָה, הָאט אִים מוֹהֲרָא״ש גֶעזָאגְט: ״אִיךְ ווִיל אַייךְ פְרֶעגְן אַ פָּשׁוּטְ׳עֶ שְׁאֵלָה, וֶוען אֵיינֶער וָואלְט דָאס גֶעטוּן מִיט אַייעֶרֶע קִינְדֶער וָואס וָואלְט אִיר גֶעטוּן? וֶוען אַ מְנִיוָול נֶעמְט אַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן הַרְגְ׳עֶט זֵיי וָואלְט אִיר אוֹיךְ גֶעזָאגְט מֶען זָאל אִים נִישְׁט לֵייגְן אִין תְּפִיסָה?״ יֶענֶער אַדְמוֹ״ר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן.

דִי עֵצָה פַאר דֶעם בָּחוּר וָואס פְרֶעגְט וָואס עֶר זָאל טוּן, אוֹיב עֶר זָאל גֵיין נֶעמֶען טִפּוּלִים, אוּן פַאר אַנְדֶערֶע וָואס זֶענֶען נֶעבֶעךְ אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה, וָואס זֵיי פְרֶעגְן ׳וָואס קֶענֶען מִיר טוּן אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן אוּנְזֶער בְּלָאטֶע?׳ - אִיז דִי עֵצָה מֶען זָאל נֶעמֶען טִפּוּלִים פוּן רֶבִּי׳ן; נָאר דֶער רֶבִּי קֶען הֵיילְן פוּן דִי טוּמְאָה, נָאר דֶער רֶבִּי קֶען הֵיילְן פוּן דִי זֻהֲמָה. אַז מֶען נֶעמְט דֶעם רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת, בִּפְרַט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, מֶען גֵייט יֶעדְן טָאג אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ אוּן מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, מֶען דֶערְצֵיילְט אִים וואוּ, וֶוען אוּן ווִי אַזוֹי אַלֶעס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן, ווִי דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז גֶעקוּמֶען נָאךְ פַאר וֶוען מֶען הָאט גֶעהַאט דַעַת - דָאס הֵיילְט דֶעם מֶענְטְשׁ.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יג פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס - דֶעם לֶעצְטְן טָאג) עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁלֶעכְטֶער קֶענִיג וָואס הָאט זִיךְ פַארְקָאכְט אִין אַ בַּת מַלְכָּה בִּיז עֶר הָאט אִיר פַארְכַאפְּט, שְׁפֶּעטֶער אִיז זִי אַנְטְלָאפְן פוּנֶעם קֶענִיג, הָאט דֶער קֶענִיג אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט זַיינֶע בַּאדִינֶער מֶען זָאל זוּכְן וואוּ זִי אִיז, בִּיז מֶען הָאט אִיר גֶעטְרָאפְן זִיךְ דְרֵייעֶן בַּיי אַ שְׁלָאס פוּן וַואסֶער. אִיז דֶער קֶענִיג גֶעגַאנְגֶען צוּם וַואסֶערִיגְן פֶעסְטוּנְג מִיט זַיין מִילִיטֶער אִיר כַאפְּן, וֶוען דִי בַּת מַלְכָּה הָאט גֶעזֶען דֶעם מֶלֶךְ הָאַכְזָר הָאט זִי גֶעטְרַאכְט: ׳עֶנְדֶערְשׁ וֶועל אִיךְ אַרַיינְלוֹיפְן אִינֶעם שְׁלָאס פוּן וַואסֶער אוּן דֶערְטְרָאנְקֶען וֶוערְן ווִי אֵיידֶער אָנְצוּקוּמֶען צוּם מֶלֶךְ הָאַכְזָר׳, וֶוען דֶער קֶענִיג הָאט גֶעזֶען ווִי זִי לוֹיפְט אַרַיין אִין דִי וַואסֶערְדִיגֶע פַּאלַאץ הָאט דֶער קֶענִיג גֶעהֵייסְן מֶען זָאל אִיר שִׁיסְן מִיט אַלֶע סָארְט פַייְלְן וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּאשְׁמִירְט מִיט אַלֶע סָארְט סַמְ׳עֶן, מֶען הָאט אִיר גֶעשָׁאסְן מִיט דִי פַייְלְן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען אָנְגֶעשְׁמִירְט מִיט טוֹיטְלִיכֶע סַם, אִיז דִי בַּת מַלְכָּה אַרָאפְּגֶעפַאלְן חַלָשׁוּת, הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט: ״אוּן אִיךְ הֵייל זִי״.

מוֹהֲרָא"ש גֶעבְּט אוּנְז צוּ פַארְשְׁטֵיין, דֶער מֶלֶךְ הָאַכְזָר - דָאס אִיז דֶער יֵצֶר הָרָע וָואס זוּכְט צוּ פַארְכַאפְּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס קִינְדֶער; עֶר אִיז מַכְשִׁיל אַ מֶענְטְשׁ מִיט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן בִּיז דֶער מֶענְטְשׁ פַאלְט חַלָּשׁוּת, מֶען וֶוערְט צֶעבְּרָאכְן בַּיי זִיךְ אוּן מֶען גֶעבְּט אוֹיף. קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוּן זָאגְט: "אוּן אִיךְ הֵייל זִי", דֶער רֶבִּי הָאט אַזֶעלְכֶע לִימוּדִים וָואס קֶען אוֹיסְהֵיילְן יֶעדְן אֵיינֶעם אוּן צוּרִיק בְּרֶענְגֶען יֶעדְן אֵיינֶעם צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן אִין דִי עֶרְגְסְטֶע בְּלָאטֶע, מֶען אִיז נִכְשָׁל גֶעוָוארְן אִין פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה וְכוּ' רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוֹיבּ פָאלְגְט מֶען דֶעם רֶבִּי'ן אוּן מֶען נֶעמְט זַיינֶע עֵצוֹת אִיז מֶען זוֹכֶה אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

טַייעֶרֶע חֲבֵרִים, עֶס לִיגְט אַ חוֹב אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם פוּן אוּנְז עוֹסֵק זַיין מֶער אִין הֲפָצָה; אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אִיר ווִילְט יֶעצְט הֶערְן פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה חִיזוּק אוֹיף אוּמַאן, אִיר וַוארְט אוֹיף תְּשׁוּבוֹת אוֹיבּ מֶען זָאל שׁוֹין פָארְן יֶעצְט אָדֶער וַוארְטְן, אֶפְשָׁר גֵייט מֶען פַארְמַאכְן דִי גְרֶענִיץ - אֶפְשָׁר נִישְׁט, וָואס זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה? יָא? נֵיין? אִיךְ ווִיל רֶעדְן צוּ אַייךְ פוּן אַ ווִיכְטִיגֶערֶע זַאךְ, עֶס בְּרֶענְט אַ פֵּייעֶר, בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ פַאלְן אִין עֲבֵירוֹת, קֵיינֶער ווֵייסְט נִישְׁט אָדֶער מַאכְט מֶען זִיךְ ווִי מֶען ווֵייסְט נִישְׁט, אַלֶע שְׁלָאפְן אַ טִיפֶע שְׁלָאף אָדֶער מַאכְט מֶען זִיךְ ווִי מֶען שְׁלָאפְט, אָדֶער שְׁלָאפְט מֶען נִישְׁט, מֶען ווֵייסְט יָא, נָאר מֶען ווֵייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן; מִיר הָאבְּן יָא אַ וֶועג צוּ רַאטֶעוֶוען דִי יוּגֶענְט, מִיר דַארְפְן גֵיין מֶער הֲפָצָה, פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּי'ן אוֹיף אַלֶע וֶועגְן, בִּפְרַט דִי נֵייעֶ סְפָרִים וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן פַאר אוּנְזֶער דוֹר אוּן פַאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע דוֹר, דָאס קֶען רַאטֶעוֶוען דִי גַאנְצֶע יוּגֶענְט, מִיר דַארְפְן תְּשׁוּבָה טוּן אַז מִיר טוּעֶן נִישְׁט גֶענוּג פַאר אוּנְזֶערֶע בְּרִידֶער, מִיר דַארְפְן טוּן נָאךְ מֶער.

מַאכְט אַייךְ נִישְׁט צוּטוּן פוּן לֵצִים וָואס שְׁפֶּעטְן פוּן דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים, דִי אַלֶע וָואס שְׁפֶּעטְן - דִי דַארְפְן דָאס מֶערְסְטֶע חִיזוּק, אֲפִילוּ פוּן אִינְדְרוֹיסְן זֶעט יֶענֶער אוֹיס ווִי אַ שֵׁיינֶער אִיד.

אֵיינֶער פוּן דִי חֲבֵרִים הָאבְּן מִיר דֶערְצֵיילְט, עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט פַאר מוֹהֲרָא"שׁ אַז בִּשְׁעַת עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען הֲפָצָה מִיט דִי קוּנְטְרֵסִים בַּיי אִים אִין שׁוּל הָאט אִים אֵיינֶער פָארְגֶעהַאלְטְן: "הֲיִתָּכֵן אַזוֹי שְׁרַייבְּט מֶען? אַזוֹי אָפְן פוּן עֲבֵירוֹת?" מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט פַאר דֶעם מֵפִיץ, דָאס קוּמֶענְדִיגֶע מָאל וֶוען

יֶענֶער וֶועט דִיר פְּרֶעגְן: "אַזוֹי שְׁרַייבְּט מֶען?" זָאלְסְטוּ אִים צוּרִיק פְּרֶעגְן: "אוּן אַזוֹי טוּט מֶען?!" דֶער אִינְגֶערְמַאן דֶערְצֵיילְט מִיר, עֶר אִיז דֶעם קוּמֶענְדִיגְן טָאג נָאכְמִיטָאג אַרוּם גֶעגַאנְגֶען אִין שׁוּל מִיט דִי קוּנְטְרֵסִים אוּן וַיָּבֹא, יֶענֶער אִיז דָא, עֶר פְּרֶעגְט נָאכְמִיטָאג: "הֲיִתָּכֵן אַזוֹי שְׁרַייבְּט מֶען? אַזוֹי אָפְּן פוּן עֲבֵירוֹת?!" פְּרֶעגְט אִים דֶער מֵפִיץ: "אוּן אַזוֹי טוּט מֶען?" יֶענֶער אִיז גֶעוָוארְן וַוייס פַאר בּוּשָׁה, עֶר הָאט פַארְלוֹירְן זַיין שְׁפְּרַאךְ, עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעלָאפְן פוּן שׁוּל; מֶער הָאט עֶר נִישְׁט גֶעטְשֶׁעפֶּעט דֶעם מֵפִיץ.

וֶוערְט נִישְׁט שְׁוַואךְ פוּן לֵצִים; אֵיינֶער וָואס רֶעדְט אוֹיף דִי סְפָרִים אִיז זֵייעֶר וַוייט, דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִאוּף, סִימָן מז): "הַנּוֹאֲפִים לָרֹב הֵם מִתְנַגְּדִים לַצַּדִּיקִים", דִי בַּעֲלֵי עֲבֵירָה - דִי זֶענֶען וָואס קְרִיגְן אוֹיף צַדִּיקִים; מִיר דַארְפְן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם, מִיר דַארְפְן זִיךְ שְׁטַארְקְן וָואס מֶער מִיט הַפָּצָה.

וֶוערְט נִישְׁט צֶעטוּמְלְט וֶועגְן אוּמַאן; מִיר בֶּעטְן וַוייטֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר זָאלְן קֶענֶען קוּמֶען, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן מִיר וֶועלְן זַיין בַּיים רֶבִּי'ן.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**סֵדֶר פוּנֶעם מַעֲמַד הַכְּתָרָה**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ה' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לפ"ק

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

קוֹדֶם כָּל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר'ן מִיר שְׁטֵיין צוּ הִילְף מִיט יֶעדֶע זַאךְ אִין דִי מוֹסָד, דוּ הֶעלְפְּסְט מִיר זֵייעֶר גֶעטְרֵיי; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג בְּלַייבְּן מִיטְ'ן גֶעפִיל צוּם רֶבִּי'ן.

בְּנוֹגֵעַ דִי מַעֲמַד הַכְּתָרָה; שְׁטֶעל אַריין אִין סֵדֶר אַז דֶער עוֹלָם זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין וואוּנְטְשְׁן מַזָל טוֹב פַאר'ן דַיין.

אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט מְכַבֵּד זַיין ... נֵרוֹ יָאִיר, חָבֵר הַנְהָלָה, עֶר זָאל פָּארְלֵיינֶען דֶעם קָאנְסוּס. דוּ וֵויסְט דָאךְ אַז עֶר הָאט זִיךְ אַלֶע יָארְן שְׁטַארְק אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן פַאר אַלֶעס וָואס מִיר הָאבְּן אִין דִי קְהִילָה, אָנְגֶעפַאנְגֶען מִיט הַדְפָּסָה אוּן יֶעצְט בַּיים

שְׁטֶעטְל; עֶר זָאל פָארְלֵיינֶען דִי הַכְתָּרָה.

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ דוּ זָאלְסְט גֶעבְּן מַתָּנוֹת פַאר צְוֵויי אִינְגֶעלַייט, אֵיינְס ...; עֶר הָאט מְנַדֵב גֶעוֶוען דֶעם נֵייעֶם בִּנְיָן, אִיךְ ווִיל מֶען זָאל אִים בַּאדַאנְקֶען בָּרַבִּים. בִּכְלַל קוּמְט אִים דָאס גְרֶעסְטֶע יְיַשֶׁר כֹּחַ, עֶר לֵייגְט אַרַיין זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן אִינֶעם שְׁטֶעטְל; עֶס וֶועט נָאךְ קוּמֶען אַ צַייט וָואס מֶען וֶועט קֶענֶען דֶערְצֵיילְן וָואס עֶר הָאט אַלְץ גֶעטוּן פַאר דִי מוֹסָד אוּן פַאר דִי שְׁטֶעטְל.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ בַּאדַאנְקֶען ...; עֶר הֶעלְפְט מִיר מִיט זַיין גַאנְצֶע הַארְץ מִיט אַלֶע לֶעגַאלֶע זַאכְן, סַיי מִיט דִי מוֹסָד אוּן סַיי מִיט מִיר פְּרִיוַואט. אִיךְ קֶען נִישְׁט רֶעדְן אוּן דֶערְצֵיילְן וָואס, וֶוען אוּן ווִי; גְלֵייבּ מִיר, עֶר אִיז מִיר זֵייעֶר גֶעטְרֵיי.

ווִי עֶס זֶעט אוֹיס וֶועט דֶער דַיָּין, רֶבִּי ... שְׁלִיטָ"א - נִישְׁט קוּמֶען; גַּם זוּ לְטוֹבָה, וד"ל.

זַיי מוֹדִיעַ דִי עֶלְטֶערְן זֵיי זָאלְן בְּרֶענְגֶען דִי קִינְדֶער מִיט בִּגְדֵי שַׁבָּת, עֶס אִיז מִיר ווִיכְטִיגֶער דִי קִינְדֶער ווִי סַיי וֶוער; אַזוֹי וֶועלְן דִי קִינְדֶער ווִיסְן אַז מִיר הָאבְּן אַ דַיָּין, אוּן אַז מֶען ווִיל עֶפֶּעס ווִיסְן הָאט מֶען וֶועם צוּ פְרֶעגְן.

מַיין טַאטֶע הָרַב מִקַארְלְסְבּוּרְג שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אַ שֵׁיינֶע בְּרִיוו פַאר דִי קְהִילָה, ווִי עֶר גֶעבְּט סְמִיכָה פַאר'ן דַיָּין אוּן עֶר בֶּעט דִי גַאנְצֶע קְהִלָּה מֶען זָאל פָאלְגְן דֶעם דַיָּין מִיט יֶעדֶע זַאךְ; אִיךְ ווִיל מֶען זָאל דָאס אוֹיפְלֵיינֶען בָּרַבִּים.

נָאךְ דִי הֵיילִיגֶע טֶעג ווִיל אִיךְ זִיצְן מִיט דִיר אוֹיסְשְׁטֶעלְן דִי נְסִיעָה קַיין אֵייְרָאפֶּע.

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ דוּ זָאלְסְט אָנְגְרֵייטְן דֶעם קוּמֶענְדִיגְן ווִינְטֶער אַ שֵׁיינֶע שַׁבָּת הִתְאַחֲדוּת פַאר אַלֶע תַּלְמִידִים.

בְּנוֹגֵעַ מַאכְן אַ שַׁבָּת מִיט אַלֶע מְלַמְדִים; אִיךְ וֶועל דָאס אִיבֶּערְטְרַאכְטְן אוּן דִיר לָאזְן ווִיסְן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**מַעֲשִׂיּוֹת פוּן רֶבִּי'ן וָואס מֶען קֶען זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען פוּן דֶעם**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת כִּי תֵצֵא, ז' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי וָואךְ ווִיל אִיךְ שְׁרַייבְּן פַאר דִי קִינְדֶער דִי מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט בַּיים רֶבִּי'ן, וֶוען דֶער גַּבַּאי אִיז אַיינְגֶעשְׁלָאפְן אוּן דִי עֶסְן אִיז פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן, ווִי דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעשְׁרִיגְן זַיין נָאמֶען, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז עֶר ווִיל נִישְׁט קוּמֶען צוּ כַּעַס, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר גֶענוּמֶען עֶנְדֶערְשׁ דִי וֶועג פוּן נִישְׁט שְׁרֵייעֶן, וַוייל וֶוען מֶען שְׁרֵייט יֶענֶעמְ'ס נָאמֶען אוּן יֶענֶער מַאכְט זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג - וֶוערְט מֶען בְּכַעַס.

אִיךְ לֵייג מַעֲשִׂיּוֹת פוּן רֶבִּי'ן וָואס דִי קִינְדֶער קֶענֶען זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען פוּן דֶעם ווִי צוּ אוֹיסְאַרְבֶּעטְן דִי מִידּוֹת אוּן וֶוערְן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים; דָא הָאסְטוּ דִי מַעֲשֶׂה, אִיךְ הָאבּ עֶס גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיפְ'ן וֶועג פַאר קִינְדֶער:

רֶבִּי נָתָן שְׁפַּאצִירְט זִיךְ אַזוֹי גֶעלַאסְן, עֶר גֵייט צוּם רֶבִּי'ן, עֶר ווִיל הֶערְן פוּן רֶבִּי'ן אַבִּיסְל חִזּוּק; עֶר שְׁמֶעקְט אַ שְׁוֶוערֶע גֶערוּךְ, עֶס שְׁמֶעקְט פוּן פֵייעֶר, עֶר וואוּנְדֶערְט זִיךְ 'פוּן וואוּ קוּמְט דֶער גֶערוּךְ?' עֶר הֵייבְּט אוֹיף דִי אוֹיגְן אוּן זֶעט אַ שְׁוַוארְצֶע רוֹיעֶךְ אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן דִי פֶענְסְטֶער פוּן רֶבִּינְ'ס שְׁטוּבּ, עֶר הֵייבְּט אָן שְׁרֵייעֶן: "פֵייעֶר! פֵייעֶר! אוֹי וֵויי! עֶס בְּרֶענְט!! וואוּ אִיז דֶער רֶבִּי?!"

רֶבִּי נָתָן לוֹיפְט אַרַיין מִיט אֵיין אָטֶעם, עֶר זֶעט ווִי דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ אִיז אָנְגֶעפוּלְט מִיט רוֹיעֶךְ, דֶער גַּבַּאי הָאט אַיינְגֶעדְרִימְלְט אוּן בְּטָעוּת הָאט עֶר גֶעלָאזְט אַ קוּגְל אוֹיפְ'ן פֵייעֶר אוּן עֶס הָאט זִיךְ פַארְבְּרֶענְט, דָאס אִיז דִי שְׁוַוארְצֶע רוֹיעֶךְ. רֶבִּי נָתָן נֶעמְט אַרוֹיס דִי פַארְבְּרֶענְטֶע קוּגְל אוּן טְרָאגְט עֶס אַרוֹיס אִינְדְרוֹיסְן, עֶר עֶפְנְט אַלֶע פֶענְסְטֶערְס כְּדֵי דִי רוֹיעֶךְ זָאל אַרוֹיסְגֵיין אוּן גֵייט קוּקְן וואוּ דֶער רֶבִּי אִיז, אֶפְשַׁר שְׁלָאפְט דֶער רֶבִּי.

עֶר קוּמְט אַרַיין אִין רֶבִּינְ'ס שְׁלָאף צִימֶער אוּן זֶעט ווִי דֶער רֶבִּי לִיגְט אִין בֶּעט מִיט אַ שְׁמֵייכְל; רֶבִּי נָתָן פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס גֵייט דָא פָאר, עֶר פְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ: "רֶבִּי, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט, יֶעצְט וֶוען אִיךְ זֶע דֶעם רֶבִּי'ן אוֹיף, דֶער רֶבִּי שְׁלָאפְט נִישְׁט, דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ מִיט גֶעהַאלְטְן דִי מַעֲשֶׂה, פַארְוָואס הָאט דֶער רֶבִּי נִישְׁט גֶעשְׁרִיגְן דֶעם גַּבַּאיְ'ס נָאמֶען אִים אוֹיפְצוּוֶועקְן עֶר זָאל אַרָאפְּנֶעמֶען דִי קוּגְל פוּן פֵייעֶר? פַארְוָואס לִיגְט דֶער רֶבִּי אִין בֶּעט שְׁטִיל?"

דֶער רֶבִּי שְׁמֵייכְלְט אוּן זָאגְט: "וֶוען מֶען רוּפְט אֵיינֶעם אוּן יֶענֶער הֶערְט נִישְׁט, זָאגְט מֶען הֶעכֶער, אוּן וֶוען יֶענֶער הֶערְט נִישְׁט זָאגְט מֶען נָאךְ הֶעכֶער, בִּיז מֶען שְׁרַייט אוּן מֶען רֶעגְט זִיךְ אוֹיף יֶענֶעם; אִיךְ ווִיל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, אִיךְ ווִיל נִישְׁט וֶוערְן בְּכַעַס, הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעשְׁרִיגְן זַיין נָאמֶען, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן מִיט קֵיינֶעם, אוּן קוּק ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן".

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, וָואס לֶערְנֶען מִיר זִיךְ פוּן דִי מַעֲשֶׂה? מִיר לֶערְנֶען זִיךְ ווִי שְׁטַארְק דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מוֹרָא גֶעהַאט פוּן צוּקוּמֶען צוּ כַּעַס; עֶר אִיז עֶנְדֶערְשׁ גֶעבְּלִיבְן שְׁטִיל אוּן גֶעלַאסְן מִיט דִי שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ פוּן דִי פַארְבְּרֶענְטֶע עֶסְן ווִי אֵיידֶער צוּקוּמֶען זִיךְ אוֹיפְצוּרֶעגְן.

לָאמִיר אַלֶע אִינְאֵיינֶעם בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אַלֶע קִינְדֶער זָאגְן שֵׁיין: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, אִיךְ זָאל עֶנְדֶערְשׁ פַארְקוּקְן אוֹיף זַאכְן וָואס אִיז נִישְׁט בַּאקְוֶועם אוּן זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל זַיין אַ צַדִיק, אִיךְ ווִיל גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס קֶען גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן מִיט מִיר, דוּ הִיטְסְט מִיר".

לֵייג אַ בִּילְד ווִי דֶער רֶבִּי לִיגְט אִין בֶּעט מִיט אַ שְׁמֵייכְל אוּן דֶער גַבַּאי שְׁלָאפְט אִין דֶער זַייט אוֹיף אַ בֶּענְקְל, אוּן עֶס גֵייט אַ רוֹיעךְ פוּן טָאפּ אָדֶער אוֹיוְון.

אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ צוּ רֶעדְן מִיט דִיר בְּנוֹגֵעַ ווִי אַזוֹי צוּ פִירְן דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן מִיט דִי אִינְגֶעלַייט, אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ שְׁרַייבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## זַיין בַּיים רֶבִּי'ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה

קִינְדֶער, וֶוער פוּן עֶנְק קוּמְט קַיין אוּמַאן?

שׁוֹין וָואכְן פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה גְרֵייטְן זִיךְ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חֲסִידִים אוֹיף דִי נְסִיעָה קַיין אוּמַאן, קֵיינֶער וִויל נִישְׁט פַאְרְפַאסְן אַ רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים רֶבִּי'ן, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז דָאךְ אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה. יֶעדֶער מַאכְט זַיינֶע הֲכָנוֹת, מֶען גְרֵייט זִיךְ אוֹיף דִי נְסִיעָה, אָבֶער דֶער רָב, דֶער בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר רָב, רֶבִּי אַהֲרֹן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה - עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן; דִי רָאשֵׁי הַקְּהִלָּה פוּן בְּרֶסְלֶב בֶּעטְן אִים יֶעדֶעס יָאר עֶר זָאל זֵיי נִישְׁט אִיבֶּערְלָאזְן, זֵיי הָאבְן אַ טַעֲנָה: "וֶוער וֶועט דַאוֶוענֶען פַארְ'ן עָמוּד? וֶוער וֶועט בְּלָאזְן שׁוֹפָר?" זֵיי זָאגְן פַארְ'ן רָב: "אִיר קֶענְט דָאס נִישְׁט טוּן פַאר אוּנְז, אִיר קֶענְט אוּנְז נִישְׁט אִיבֶּערְלָאזְן, דִי יָאר בְּלַייבְּט דֶער רָב מִיט אוּנְז!"

דֶער רָב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, פוּן אֵיין זַייט וִויל עֶר נִישְׁט פַאְרְפַאסְן דֶעם רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה, עֶר וִויל זַיין אִין אוּמַאן, פוּן דִי צְוֵוייטֶע זַייט הָאט עֶר אַסַאךְ דְרוּק פוּן דִי רָאשֵׁי קְהִלָּה. רֶבִּי אַהֲרֹן אִיז מַחְלִיט אַז עֶר

גֵייט פְרֶעגְן דֶעם רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי זָאגְט פַארְ'ן רָב: "אַוַדַאי זָאלְסְטוּ נִישְׁט קוּמֶען, ווִי אַזוֹי קֶענְסְטוּ קוּמֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אוּמַאן? דוּ קֶענְסְט דָאךְ נִישְׁט אִיבֶּערְלָאזְן דַיין קְהִילָה", רֶבִּי אַהֲרֹן זָאגְט דֶעם רֶבִּי'ן: "אָבֶּער רֶבִּי, אִיךְ הָאבּ דָאךְ גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי'ן אַז זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶעם", זָאגְט אִים דֶער רֶבִּי: "דֶעמָאלְט פַארְוָואס קוּמְסְטוּ נִישְׁט?" עֶנְטְפֶערְט דֶער רָב: "אִיךְ קֶען נִישְׁט אִיבֶּערְלָאזְן דִי קְהִילָה", "אוֹיבּ אַזוֹי" - זָאגְט דֶער רֶבִּי "בְּלַייבּ מִיט דַיין קְהִלָּה".

רֶבִּי אַהֲרֹן אִיז גֶעבְּלִיבְּן אִין בְּרֶסְלֶב, עֶר אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן קַיין אוּמַאן. רֹאשׁ הַשָּׁנָה פְרֶעגְט דֶער רֶבִּי: "וואוּ אִיז דֶער רָב, רֶבִּי אַהֲרֹן?" דֶעם רֶבִּי'ן הָאט זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אַלֶעס דַארְף מֶען פָאלְגְן אַ צַדִיק, אוֹיסֶער וֶוען דֶער צַדִיק זָאגְט מֶען זָאל נִישְׁט קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דֶעמָאלְט טָאר מֶען נִישְׁט פָאלְגְן, נָאר מֶען דַארְף קוּמֶען צוּ אִים".

שְׁפֶּעטֶער וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעטְרָאפְן דֶעם רָב רֶבִּי אַהֲרֹן, פְרֶעגְט אִים רֶבִּי נָתָן: "אַהֲרֹן, וואוּ בִּיסְטוּ גֶעוֶוען? פַארְוָואס בִּיסְטוּ נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן?" הָאט דֶער רָב גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דֶער רֶבִּי הָאט מִיר גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל נִישְׁט קוּמֶען", זָאגְט אִים רֶבִּי נָתָן: "נִישְׁט זַיין בַּיים רֶבִּי'ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה?! וֶוען דֶער רֶבִּי זָאל נֶעמֶען אַ דְרָאנְג און הַאקְן אוֹיף מִיר און מִיר אַוֶועק שְׁטוּפְּן וָואלְט אִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען פוּן אִים".




"אִיךְ לָאז נִישְׁט אָפּ דֶעם רֶבִּי'ן!"

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר לֶערְנֶען אַרוֹיס פוּן דִי מַעֲשֶׂה צְוֵויי זַאכְן, אֵיינְס אַז אַלֶעס דַארְף מֶען פָאלְגְן אַ צַדִּיק, אוֹיסֶער וֶוען דֶער צַדִּיק זָאגְט מֶען זָאל נִישְׁט קוּמֶען צוּ אִים, דֶעמָאלְט טָאר מֶען נִישְׁט פָאלְגְן; דֶער צַדִּיק דַארְף עֶנְטְפֶערְן לוֹיט וָואס יֶענֶער וִויל, לוֹיט יֶענֶעמְ'ס מֹחַ, אַ צַדִּיק עֶנְטְפֶערְט וָואס יֶענֶער וִויל הֶערְן.

צְוֵויטְנְס, דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין בַּיים רֶבִּי'ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה. אֲפִילוּ דֶער צַדִּיק שְׁטוּפְּט אַוֶועק, עֶר הַאקְט מִיט אַ הָאלְץ

– זָאל מֶען זִיךְ גוּט אָנְכַאפְּן אוּן נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין. בִּפְרַט מוּז מֶען קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז יֶעדֶער דַארְף קוּמֶען קַיין אוּמַאן, קֵיינֶער טָאר נִישְׁט פֶעלְן. רֹאשׁ הַשָּׁנָה גֵייט מֶען דַן זַיין יֶעדְן מֶענְטְשׁ וָואס וֶועט זַיין מִיט אִים דֶעם קוּמֶענְדִיגְן יָאר, רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דֶער גְרוֹיסֶער יוֹם הַדִּין, אַלֶע צִיטֶערְן, אַלֶע טוּעֶן תְּשׁוּבָה. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: ״אַלֶע זָאלְן קוּמֶען קַיין אוּמַאן, אִיךְ וֶועל יֶעדְן אֵיינֶעם מְתַקֵּן זַיין״.

אַלֶע קִינְדֶער זִינְגֶען: ״אוּמַאן אוּמַאן, רֹאשׁ הַשָּׁנָה; אוּמַאן אוּמַאן, רֹאשׁ הַשָּׁנָה; אוּמַאן אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה!״

בעזהשי"ת

**באקומט אויף די פאסט יעדע וואך בעז"ה**
**בית נצחי, גליון היכל הקודש,**
**עצתו אמונה, און קרית ברסלב בלעטל**




**רופט 102 / 718-387-2691**

**שיקט אן אימעיל צו subscribe@kerenhadfusa.org**

בעזהשי"ת

# קרן הדפסה לאדענט אייך איין צו ווערן א ברסלב פריים מעמבער!




**אויפן פארלאנג פונעם ציבור אנשי שלומינו,**
**האט קרן הדפסה איינגעפעדעמט א נייע פריים מעמבערשיפ פראגראם,**
**וואס וועט צושטעלן א געוואלד מיט נוצבארע בענעפיטן:**

צום ערשט:

**באקומט "אלע" וועכענטליכע אידישע גליונות און קונטרסים פון היכל הקודש**

אריינגערעכנט די וואס מען אפערט נישט דערפאר קיין סובסקריבשאנס, אזוי אויך די וואס וועלן ארויסקומען בעז"ה אין די צוקונפט.

עקסטערע באנוס:

**אנלימיטעד 10% דיסקאונט אין ברסלב סענטער אנליין געשעפט**

אריינגערעכנט הונדערטע ספרים, קונטרים, אויף אידיש, ענגליש און לשון הקודש, סידים צו הערן און צו זען, און נאך אסאך.

ועל כולם:

**PRIME HOME DELIVERY SERVICE**
**פריים דעליווערי סערוויס:**

באקומט אלעס "צום טיר" מיט פערזעליכע סערוויס אויף א גאלדענעם טאץ - דאס שנעלסטע וואס מעגליך.

**די פרייז צו ווערן א פריים מעמבער איז $24.99 א וואך**

**רופט שוין 718-387-2691 עקסטענשאן 3**


בס"ד
בשורה טובה ומשמחת!
שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך
צו אייער
טיר
אויף די פאסט
די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים
עצתו אמונה
הערליכע בריוו, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,
געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה
הרה"ג ר'
יואל רוטה
שליט"א
היכל הקודש
רופט אדער טעקסט
קרן הדפסה היכל הקודש
718•387•2691
אדער שיקט א אימעיל צו: subscribe@kerenhadfusa.org
חיזוק
צום טיר
goodpointmediainc@gmail.com